STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06104

LIDER MAYNE TEG

Shaye Budin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער מיינע טעג

ש. בודין

ש. בודין

לידער מיינע טעג

זאַמלונג

1983 — 1969

אַרויסגעגעבן פֿון איקוף

ניו יאָרק, 1983

Shaye Budin

LIDER MAYNE TEG

(Songs of My Days)

New York, 1983

Copyright © 1983, by Shaye Budin, New York, N.Y.

Published by Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
1123 Broadway, New York, N.Y. 10010

איקוף פאַרלאַג

Printed by Empire Press
550 Empire Blvd. Brooklyn, N.Y. 11225

שאיע
פּודיל
RAPHAEL
SOYER

צו אַלע מענטשן וואָס אין איינעם
מיט מיר זיינען געגויגט צו זען
אַ וועלט אין שלום און אין פרייד
ווידמע איך מיין איצטיק בוך.

דעם מאָלער רפאל סאָיער
דאַנק איך פאַר זיין צייכענונג

דעם גוטן פריינט איטשע גאָלדבערג
פאַר זיין איבערגעבנקייט אַז מיין בוך
זאָל וואָס בעסער און שענער זיין —
מיינע האַרציקע ווּנטשן.

אינהאַלט

א.

זייט

פינף לידער 11

צוויי לידער 15

מיר דאַנקען דיר 17

היינטיקע טעג 21

דער מענטש אין מיטן 24

ווען ס'רעדט זיך וועגן ליבע 27

ב.

פון ציקל „קאַליפאָרניער וועגן" 33

פערציק טויזנט 42

טריט אויף דער לבנה 43

ג.

פון טעג און פון ליבע 47

יעדער ליד פאַר זיך 52

ד.

מענטש און זייך ליד 57

זיבן לידער 72

פיר לידער 76

פריינדשאַפט 80

אַלעקסאַנדער פושקין און דער ים 84

ה.

בלאַק־איילאַנד 91

דעם וועג זיי פאַרשפאַרן 93

לידער 94
מיי־געזאַנגען 97
היינטצייטיקע לידער 99
פאַר אַלע טעג 101
לידער און צייכנס 104

ו.

איך האָב ליב 111
אַלערליי לידער 112
לידער 116
גוט־יום־טוב 120
צו דיר אַמעריקע מיין וואונטש 122

ז.

טראַכטן אַן ליבע 127
האַרבסט־מאָטיוון 135
אַ ליד צום נייער יאָר 137
לידער פון טאָג־טעגן 140
אַ בריוו צו דער וועלט 145
ליבע־לידער 147

ח.

געזאַנג פון ביימער 153
בלעטער פאַלן 156
ווי וואָלט זיין 158
זאָל איך זינגען 159
טעג און טאָגן 160
לידער פון טאָג און טאָגן 165
לירישע מאָטיוון 168
וואָס ווער עס זעט 174

א

פינף לידער

.1

אויף דעם טאָג וואַרט ברויט־און־פּוטער,
און אויף דער נאַכט — אַ בעט.
ווי אַזוי זאָל מענטש וויסן, אַז צינזן ער
ועט דאַרפן צאָלן פאַר זיין רו און זעט.
און ברויט און פּוטער איז ניט פון די גרעסטע
גליקן,
און אויף בעט אַוועקצולייגן איז נאָר גוט
אַ רואיקן קאָפּ.
אַך, ווי לאַנג קאָן מענטש שווייגן און ניט
אויפקאָכן זיך, ווי אַ זודיקער טאָפּ.
און אַלע טעג, און ס׳האָט זיך שוין אַזוינס געטראָפן:
ברויט־און־פּוטער איז ווייט און רייצנדיק,
ווי פּרוכט אויף בוים,
און צו דערלאַנגען, און צו דערגרייכן
שטערט אין וועג אַ שטעכנדיקע צוים,
און אַלע נעכט, און אַזוינס האָט זיך שוין פאַרלאָפן:
בעט איז אויפגעהאָנגען, ווי די לבנה אין פרעמדן
הויכן רוים,
דעם מידן קאָפּ אַוועקצולייגן שלאָפן
איז גאָר אינגאַנצן אַ פּוסטער טרוים.

.2

גייט מיין קאָפּ אַרום מיט מיר
און קלערט־אויס אַזוי פיל ניט־געשטויגענע
גליקן.
אַט, אַ שטייגער, האָט זיך איר פאַרוואָלט,
אַז אַ בריוו צו דער וועלט איך זאָל איצטער
שיקן.

איז וואָס צו שרייבן פּרעג איך ביי איר —
אויב אַזאַ קלוגער זי איז ביי מיר,
גיב אַ פּאַדעם, גיב אַ וואָרט, גיב אַן אָנדייט,
גיב אַ זאָג,
ווי אַזוי זיך צו ווענדן צו היינטיקן טאָג.
אַלע טעג פון אונדזער לעבן, פון זיי אַ נעץ מיר וועבן,
און ווי דער פישערמאַן צעהענגען זיי
אויף אונדזערע יאָרן ווי אויף שטאַנגען,
און וואַרטן ביז מיר אַליין וועלן זיך פאַנגען.
געפאַנגענע זיינען מיר וואוהין מיר זאָלן
זיך ניט וואַרפן, און צו באַפרייען זיך —
אַ ניי לעבן מיר דאַרפן.
אַ ניי לעבן מיר דאַרפן בויען, אַז מיר
זאָלן קענען איינס דעם צווייטן געטרויען,
און ניט אַריינפאַלן ווי די פיש
אין נעץ.

.3

אָט אַ פויגל, אָט אַ פויגל, ווי אַ ווינט
ער פליט אַרום.
אָט איז ער דאָרטן, אָט איז ער דאָ,
אָט איז ער אומעטום.
און אַז מען איילט זיך, און אַז מען פלייסט זיך,
און מען באַטראַכט ניט וואָס צו טאָן, שטעלט מען
איין דאָס אייגן לעבן אין קאָן.
אָט אַ פויגל, אָט אַ פויגל, אָט אַזוינער,
אַ בלוי־ווייסער, מיט אַ קאָפּ אַ ברוינעם.
דאַכט זיך, אַז ער קוקט ניט אויס צו זיין
אַ נאַר, אַ דומער, און אויך ניט אַ געשטראָפּטער
טויב־שטומער.
ער זינגט און רופט און שפּרייט די פליגל,

ער טאַנצט און שפּרינגט פון צווייג צו צווייג,
אַזוי ווי די צעעפנטע לופט איז זיין
געצייג.
אַט אַ פויגל, אַט אַ פויגל,
דעם לעצטן שפּרונג ער האָט ניט געמאַכט...

.4
אַ צוקוקער איך בין,
אַלע שיינע זאַכן אויף טעלעוויזיע
איך האָב שוין געזען.
איך זע דעם הימל און די זון,
און אַז ס׳געפעלט מיר ניט, עפּעס אַנדערש
איך געפין.
אַלע טעג פון אינדערוואָכן די בעסט־קענער
לערנען מיך ווי צו באַקן און ווי צו קאָכן,
די טייערסטע פערד און איידלסטע הינט
זיינען שוין פאַר מיר אַרומגעלאָפן און אַרומגעקראָכן.
ווינטער קוק איך אויף ערד, מיט שניי־פאַרשאָטן,
זומער — אויף דזשאַנגל־וואַלד וואו ציוויליזירטע מענטשן
אַרומצוגיין איז פאַרבאָטן.
און אַז ס׳האָט ערגעץ אַן אומגליק געטראָפן,
ברענגט מען עס מיר איינגעפּאַקט אין
פיל־קאָלירנדיקע שטאָפן.
ווייטע לענדער, פרעמדע שטעט,
אַ וועלט אַ גאַנצע מיט איין דריי
איך בייט איבער, ווי מיין קוויטיק גרעט.

.5
ביי אונדז אין לאַנד האָט דער האַרבסט דעם זומער
אויפגעגעסן,
און אַז דער ווינטער שטייט און וואַרט

אויף שוועל, וועגן דעם דער האַרבסט
האָט זיך פאַרגעסן.
אַ, זומער פריילעכער און גוטער
האָסט אונדז געהאָדעוועט מיט אַלדאָס גוטס,
ווי אַן אייגענע געטרייע מוטער:
האָסט אונדז צוגעגרייט פרוכט און ברויט,
קאַרטאָפל, בוריקעס, אוגערקעס און קרויט,
נאָר, ווי מיין גוטער פריינד אַליין האָסטו
זיך ניט אויסגעהיט
פון טויט.

צוויי לידער

.1

יאָרן־לאַנג איך האָב געשפּילט
מײַן לעבן אויף אַ פֿידל,
און די וועלט האָט גערעדט צו מיר —
אויף באַסן און פֿלייט.
איצט בין איך דערגאַן צו פֿולע יאָרן,
און בין שוין ניט זיכער, אַז אַלץ אַרום מיר
איז ליב און שיין.
איך זע שוין ניט דעם שלום־גרוס
אין טויבן־אויגן,
איך דערקען שוין ניט דעם ריינעם קלאַנג
און אמתדיקן וואָרט.
איך גיי־אַרום אויף ערד און האָב מורא
זיך איר אַנטרויען,
און די זון, ווי אַ שרעקנדיקער אייז־באַרג,
קוקט מיר אויס.

.2

מען שניידט דיביימער אויס אין וועלדער,
און מען האַקט די שטיינער אויס פֿון בערג.
גאָלדענע גליקן לייגט מען אויס פֿאַר אונדז
אויף שיינע טעלער,
און מען זאָגט אונדז צו אַ ריינע פֿרייע
וועלט.
נאָר דערווייל שטאַרבן מיר אויס
פֿון פֿאַרסמטע גאַזן,
און שטיקן זיך מיט אַנגעשטאָפּטע זעק
מיט געלט.
אַ, גאָט־געהייליקטע ממזרים,

אַ רוח אין אייער טאָטן אַריין,
ווער האָט אייך אויסגעלערנט מיט זיך
אַזוי זיכער צו זיין?
מען צערייבט דיביימער, און מען קאָכט
פון זיי אָפּ אַ שיטערע קאַשע,
און נאָכדעם פּרעסט מען פון זיי אויס
אַ ים מיט פּאַפּיר,
און די שטיינער צעבראָקט מען ווי לאָקשן
און טייגעלעך, און מען צעלייגט זיי
אויף ווייט־לויפנדיקע אויטאָמאָבילן־וועגן.
נאָר דערווייל שלעפּן מיר די שווערע יאָכן
און פאַרמוטשעטע גייען־אום מיט אונדזער
יעדן טאָג.

מיר דאַנקען דיר

דאָס לאַנד איז אויפגעשטאַנען
זאַט און אָנגעגעסן, מיט פיש און פלייש,
מיט הינער און אינדיק־בראָטן,
מיט עפל־טאָרט און פלוימען־שטרודל,
מיט טירטל־יויך און טויבן־פליגל, —
און די זון אַ פאַרטראַכטע הענגט אין הימל.
אָ, גאָטעניו, מיר דאַנקען דיר פאַר אַלע דיינע
גוטע גאָבן.
מיר דאַנקען דיר פאַר גאָרטן און פאַר סאָדן,
פאַר פעלדער און וועלדער, פאַר אַלע רייכטימער,
וואָס מיר פאַרמאָגן.

דאָס לאַנד איז אויפגעשטאַנען
פעט און אָנגעבלאָזן, מיט סקאָטש און ברענדי,
מיט וויסקי און קאָניאַק, און אַלע מינים בירן,
מיט וויין און שאַמפּאַניער, און קאָקאַ־קאָלאַ.
אָ, גאָטעניו, דו שפּילסט איצט ביי אונדז
אַ גרויסע ראָלע.
מיר דאַרפן דיך פאַר מאָראַלישע אַטריבוטן,
מיר דאַרפן דיך פאַר געזעצלעכע סטאַטוטן.
מיר דאַרפן דיך דאָרטן וואו דו ביסט אויבן,
מיר דאַרפן דיך אַז אונדזערע יונגע זין
זאָלן אין דיר גלויבן, אַז זייערע פליענדיקע
דזשעט־מאַשינען זיינען פון דיר געבענטשטע
שלום־טויבן.

דאָס לאַנד איז אויפגעשטאַנען
מיט ראַזשינקעס, מיט מאַנדלען, מיט פּרוכט,
און בייכער אָנגעלאָדן, און אין האַלדז —

זיסער טעם פון מאָן־און האָניק־פּלאַדן.
אָ, גאָטעניו, געוויס דאַרף דאָס לאַנד
אויף גאָרניט זיך באַקלאָגן, גוטסקייט און ליבע,
קלוגשאַפט און פריינדשאַפט, אונדזערע פירער —
אין זייערע אויגן טראָגן.
און די זון אַ פאַרטראַכטע קוקט אַראָפּ —
פון הימל.

דאָס לאַנד איז אויפגעשטאַנען
און מיט צעעפנטן מויל געגנומען לאַכן.
ווער קאָן מיט אונדז זיך פאַרגלייכן,
ווער האָט אַזוי פיל שיפן, אַזוי פיל באַנען,
אַזוי פיל אויטאָס, אַזוי פיל עראָפּלאַנען?
ווער האָט שטאָלענע שפּליטערס, ווי שיינענדיקע שטערן?
ווער האָט נאַפּאַלם ווי האָניק ציט זיך,
ווער האָט אָנגעשאַרפטן קופּער ווי פייער־פריסיק —
ריטער?
אָ, גאָטעניו, מיר דאַנקען דיר פאַר אויסהיטן אונדז
פון ליידן און פּיין,
פאַר באַלייכטן אונדז מיט דיין געטלעכער שיין.

דאָס לאַנד איז אויפגעשטאַנען
און באַפעלן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן.
די זון איז צו לאַנג אַ קלוג־פאַרטראַכטע געזעסן
און געשוויגן,
דער הימל אומזיסט האָט די גאַנצע וועלט
אַרומגענומען.
די לבנה, נאַראַנים און פאַרליבטע
פאַרגעניגן האָט געגעבן.
די ערד האָט געוואַרט, און קיין אונטערשייד
געמאַכט צווישן אייראָפּעער און קאַרעער,

צווישן אַפריקאַנער און אַמעריקאַנער,
צווישן אַזיאַטן און יענקישע סאָלדאַטן.
אָ, גאַטעניו, מיר דאַנקען דיר פאַר דעם,
וואָס אונדזערע אמתן דו זעסט
און אונדזערע זינד פאַרגיסט.

דאָס לאַנד איז אויפגעשטאַנען
און האָט אָנגעהויבן ציילן — וויפל אַפּגענאַרטע
און קראַנקע דאַרף מען נעמען היילן,
וואָס טוט מען מיט די וואָס ווערן פאַרפירט —
און הערן זיך צו, וואָס בייזע צינגער דערציילן.
וויעטנאַם, קאַמבאָדיאַ, פּאַנאַמאַ,
אויסטראַליע, איטאַליע, בערלין און ווין
אַן אונדז, וואָס וועלן זיי טאָן?
אָ, גאַטעניו, דו ווייסט דאָך אַז מיר ווילן
קיינעם ניט פאַרווערן,
אַז זיי זאָלן אין אונדז דעם צוטרוי פאַרלירן.
מיר ווילן קיינעם ניט צווינגען צו שווערן,
אַז זיי וועלן אונדזער לאַנד ניט שטערן
צוצונעמען פון הימל די זון.

דאָס לאַנד איז אויפגעשטאַנען
מיט טויזנטער יונגע זין אין דער ערד
באַגראָבן,
און מיט אָנגערייצטן אַפּעטיט — מיט גאַנצער
וועלט זיך נעמען שלאָגן.
דער הימל איז אונדזער וועג, און איז
ברייט פאַר אונדז און אָפן,
און וואָס אין די ספערן און אָרביטן קומט פאָר,
אונדזערע געלערנטע האָבן דאָס שוין אויך
געטראָפן.

גאָטעניו, מיר דאַנקען דיר
פאַר העלפן אונדז אין דיין נאָמען
דערמאָנען מאַמעס און אלמנות, אַז
אין דיינע הענט זיינען די באַגראָבענע
נשמות,
און די זון אַ פֿאַרטראַכטע הענגט
אין הימל.

היינטיקע טעג

.1

און ס׳איז אַ טאָג אַזאַ,
מיט יונגן פרילינג אין דער מיטן.
ביימער פיל אין בליטן אָנגעטאָן,
און גראָזן גרינע די ערד באַשיטן.
גיי איך אום מיט אויגן אויפגעמאַכט
און קוק אויף ריינעם וואונדער.
ווי אויסגעוואַקסענע פילפאַרביקע בלומען,
אויף גאַסן זיינען איצט אונדזערע
יוגנט־קינדער.
קינדער טראָגן מיט זיך ליבע און שיינע טרוימען,
קינדער זינגען־אויס זייערע פאַרצווייפלטע געזאַנגען
צו די ווייטע רוימען.

.2

פרילינג האָט זיך אַוועקגעשטעלט
דער גאַנצער וועלט אַנטקעגן,
און אויף ביימער די בליטן פון בלעטער
זיינען אויפגעגאַן.
טאָג מיינער, דו שיינער און ליבער,
ווי קאָן מיין האַרץ איצט גליקלעך זיין,
ווי קאָנען מיינע אויגן מיט אָפענער פרייד
זיך אָנקליידן,
ווי קאָנען מיינע טריט מיט זיכערקייט שפּאַנען
אויף דער ערד,
ווי קאָן איך אין ווייטיק, אין צאָרן דערמאָנען,
אַז פרילינג איז ניי־לעבן און ניט
קיין מאָרדן־טויט?

.3

ווי קאָן איך היינט אַ בליענדיקן בוים
צו אַ טאַטנס טרערן פאַרגלייכן,
ווי קאָן איך זאָגן אַ וויינענדיקער מאַמע,
אַז אין יונגן פרילינג איז טרייסט פאַראַן?
אַ יונגער טאָג, אַן אומשולדיקער זומער־טאָג,
האָט ניט געוואָלט, מיר זאָלן אים מיט
ביטערע טרערן באַגיסן,
מיט אויסרוף „מערדער" אים באַגרי־סן.
אַ יונגער טאָג, אַ נאַאיווער זומער־טאָג,
אומשולדיק, ניט־ווילנדיק, וועט שוין זיין —
פאַר געשיכטע — „מערדער־טאָג" — אין אַמעריקעס
ירושה.

.4

מיט הימל אויף מיינע אַקסל,
מיט ערד אונטער מיינע פיס,
איך גיי־אַרום און פיר מיין לעבן,
וואָס נעמט זיך עלטערן מיט מיר.
מיט בלעטער גרינע אויף ביימער,
מיט צוויטן אין פילפאַרביקן קאָליר —
איך וויל, מיין לעבן זאָל זיך ניט פאַרגעסן,
אַז אויך ביטערן פאַרדרוס מיט זיך
איך פיר.

.5

ס׳גייען אויף דער וועלט אַרום
אַזוי פיל שיינע מיידלעך, און די זון
גייט־אויף אויך ניט גלאַט אַזוי
אויף פוסט.
איז ניט קיין וואונדער, וואָס אַ מענטשנס האַרץ

נאָך ליבע און שיינקייט גלוסט.
אַלע טאָג ס׳ווערט גאָרניט געמינערט,
כאָטש ס׳ווערן איינגעהאַלטן זיינע אַמאָליקע
ברייטע טריט,
אויגן צעעפנטע, ווי פויגל פליען —
אַלץ אַרום זיך ער זעט.
ס׳וואַקסן אויף דער ערד אַזוינע קלוגעביימער
און ס׳מערן זיך היינטצייטיקע יונגע טרוימען,
איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס
אַ מענטשנס גלויבן קאָן זיין עלטער אין די
הייכן אויפהויבן,
און פריידיק מאַכן זיין געמיט.

דער מענטש אין מיטן

.1

איז פלוצלונג געווען מאָרגן,
און אַלץ וואָס איז ביז איצט געווען —
ווי אין טיפן ים ליגט פאַרזונקען און פאַרבאָרגן.
גאָט מיינער, איז וואָס זאָל אַ מענטש טאָן,
מיט אַ נייעם יונגן מאָרגן,
אַז האַרץ מיט ביטערן סם איז דורכגעגעסן
פאַר אַ גאַנץ לעבן ווייטיקן און זאָרגן?

.2

צווישן טעג,
צווישן נעכט, צווישן מאָרגן,
דער היינט איז אָנגעפיקעוועט ביי אונדז
מיט האָפענונגען און מיט זאָרגן.
גאָט מיינער, וואָס דאַרף אַ מענטש אָנקלייבן
און אָנבאָרגן, אַז ער זאָל קאָנען אַ שותּף זיין
מיט קומענדיקן נייעם מאָרגן?

.3

דער הימל גייט־אַרום שפּאַצירן,
גייט־אַרום איבער וועלט, איבער ערד,
און גאָרניט אין זיין שפּאַציר וועט ער פאַרלירן,
ניט קיין באַרג, און ניט קיין גרוב.
גאָט מיינער, ווי קאָן אַ מענטש נאָך לעבן
אַזוי פיל יאָרן, בלייבן אַ טויטער ליגן
אין זיין שטוב?

.4
די נאַכט איז צוגעקלעפּט
צו פענצטער און צו טירן, און דער אָנקומענדיקער
פרימאָרגן ליגט פאַרטייעט
אין די ווינקלען פון ווענט.
אָ, קינדער, איר וואָס וועט הײנט ווערן געבוירן,
און מיט אויסגעשריי אָנזאָגן, אַז איר זענט
געקומען אויף דער וועלט —
דאָס מזל פון אײער לעבן אין אַ פאַרפּלאָנטערטן
שפּינוועבס איז אײנגעוועבט.

.5
עס וואַקסן ביי מענטשן אָן אַזוינע יאָרן,
וואָס ער אַליין האָט אויף זיי זיך גאָרניט
ניט געריכט,
און ווי ביימער זיי פאַרגינען זיך צו בליען,
און אויסטראָגן רײפע פּרוכט אויף זיך.
שטייט דער מענטש אין מיטן פון זיין לעבן
און צערטלט אָט די אויסגעוואַקסענע יאָרן,
מיט אַ האַרץ אָנגעגאָסן מיט וואַרעמע געפילן
ער זוכט זיין „איך".

.6
אַ מענטש קאָן זיין שפּאָן צעשפּרייטן ווי אַ פויגל
זיינע פליגל,
און זיינע אויגן קאָנען וואונדערלעכע זאַכן
אויסגעפינען, ווי אין צוויטן גאָלדענעם האָניק
ס'געפינען־אויס די בינען.
שטייט דער מענטש אין מיטן פון זיינע יאָרן
און וויל די שיינקייטן פון לעבן פאַר זיך אַליין
ניט באַהאַלטן און אָפּשפּאָרן,
וואַרט ער אויף אַ נײעם טאָג.

7.

אַלע יאָרן ביי מענטש אין זעלבן טאָג
ווערן געבוירן,
און ווי אַ געבענטשטע סאָלאָ — שפּילט זיי
אויף אַ פידל אויס,
פון ערשטן אויסגעשריי, אַז ער און זיין
לעבן איז דאָ.
שטייט דער מענטש אָנגעגרייט ווי
אַ שפּיגל
און גריסט זיך מיט זיינע יאָרן,
וואָס גייען פאַרביי אים דורך.

8.

אָ, יאָרן, מענטשנס יאָרן,
אַ גאַנץ לעבן ציט זיך ווי אַ פאָדעם
דורך אַ נאָדל
און פאַרלאַטעט, און פאַרנייט, צער און ליידן,
צאָרן און פאַרדרוס,
פרייד אַן גלויבן, האָפענונגען ווי לויטערן ווייַן
און רייפע טרויבן.
שטייט דער מענטש אין זיין מיטן
און מעסט זיך אין דער מאָס.

ווען ס׳רעדט זיך
וועגן ליבע

ביימער האָבן ליב — אָנקליידן זיך
אין גרינע בלעטער,
ווילדע פּלאַנצן האָבן ליב זייער
ניט באַגרענעצטן אַרויף קלעטער,
ערד האָט ליב באַדעקן זיך מיט
ווייכע גראָזן,
גראָזן האָבן ליב צו אָנזעטיקן
פייגל, זשוקעס און האָזן.
דער הימל האָט ליב צו פּוצן זיך
אין פילקאָלירנדיקע פאַרבן,
שטערן האָבן ליב אויסשפּרייטן זיך
ווי פייערפלאַקער גאַרבן.
די לבנה האָט ליב צו פאַרשיכורן
נעכט מיט נאָסטאַלגישע ליבע,
ליבעס האָבן ליב אייביק ניט
צו שטאַרבן.

* * *

זומער האָט זיך צוגעטוליעט,
צו ביימער און צו בלעטער,
זיך צוגעקלעפּט צו די פענצטער
פון מיין שטוב.
און אין דרויסן ליגט די ערד
אין ציטער־פיבער, ווייל
פאַרליבט סודען זיך די שענסטע בליאונגען
אין איר.

אַ, מיין טייער אויסגעוואַקסן לעבן,
קיין חשבונות איך וויל ניט
פירן איצט מיט דיר,
איך גאָר נאָר אַז פאַר שטילער
פרייד ס׳זאָל ניט צוגעמאַכט ווערן
פאַר מיר די טיר.

* * *

די גוטע ערד,
האָט געזאָגט מיר „גוט־מאָרגן״,
דער ליכטיקער הימל
האָט זיך איינגעקוקט אויף מיינע פּיס,
גרין־גראָז האָט געלאַשטשעט זיך
צו מיינע אויגן און אַזוי, מיט מילדקייט
און מיט ליבע, איז אָנגעגאַן
אַ נייער טאָג.
הארץ מיינס, דו גוטער פריינד
פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן,
האַלט ניט אָפּ דאָס געזאַנג
פון אונדזער ווילן,
לאָמיר דערגיין צום געגאַרטן
וועג.

* * *

מיין נאָענטסטער שכן
איז ניט קיין פּויער און ניט
קיין בויער,
נאָר ער פּוצט און ציכטיקט
זיין סאָד און זיין גאָרטן.
זאָג איך צו אים גוט־מאָרגן!
ענטפערט ער מיט אַ קול

אַ פֿאַרשנאָרכטן —
„האַר־די״, און קניפּט צו
אַן אַראָפּגעפֿאַלן בלומען־צווייגל,
און רייניקט אויס פֿאַר די פֿייגל
אַ שטייגל.
זע איך שוין, אַז מיך, דעם מענטש
האָט ער אין גאַנצן ניט ליב.
און מיט געמאָסטענע טריט גיי איך
צוריק צו מיין אייגענער פֿריינדלעכער
שטוב.

ב

פון ציקל
„קאַליפאָרניער וועגן"

.1

אויף קאַליפאָרניער וועגן
פינף העלפאַנטן איך האָב היינט געזען
גיין שפּאַצירן.
אַ באַרג אין אַ באַרג האָט זיך אַריינגעקליבן,
און דער פּאַציפישער ים מיט גרינע בייטשן
דעם הימל האָט געטריבן.
אָ, וואונדערלעכע וועלט, זון און וואַרעמקייט
פון דיינע בערג האָט אַזוי פריידיק
צו מיר געקוועלט.
און מיין האַרץ האָט פאַרליבט זיך
ווי אַ יונגלינג־מאַמע אין איר
זייגענדיק קינד.

.2

אַלץ וואָס וואוינט דאָ, און דאָ לעבט,
איז ווי אויף וואונדער, סיי דער הימל, סיי די ערד,
טראָגן חן אין איינעם און באַזונדער.
יעדער בוים וואַקסט דאָ ווי פּאַר זיך אַליין,
גלאַט אַזוי אויף פּוסט ער וויל ניט שטיין.
טרויבן, ווײַנשל, עפּל און אַפּריקאָסן,
זאַפט און וויין פול אין לופט איז
אָנגעגאָסן.
קאַליפאָרניע, זיס און טעמיק ס'קלעפּט
דאָס וואָרט זיך צו דעם גומען.
יעדעס ווינקעלע פון באַרג און טאָל
טראָגט אַ פאַרכישופטן נאָמען.

.3

קאַליפאָרניער וועגן לויפן־אַרום
ווי אויף פּריירי אַרומלויפנדיקע פערד,
און אויף זיי אויטאָס יאָגן זיך און עסן־אויף
אונטער זיך די ערד.
אַז איך זע שוין ווי די שיינקייטן דאָ,
די לעצטע שעהן שלאָגן.
ווייס איך ניט וואס איך זאָל מיינע אויגן זאָגן,
סינטעקס, טאַטעקס, טרעטעקס, וויטקעס, לײַקהעד
און אַלע פאַרטראַכטע און אויסגעטראַכטע
שטיקנדיקע גאַזן
הויערן איבער און מישן איבער די טויזנטיאָריקע לאַווע
געפורעמעטע באַזן.
און די ברוינע בערג און פאַרכישופטע טאָלן,
מיט טויזנטער עלעקטרישע צעשריענע רופן —
מיינע געדאַנקען צעיאָגן,
וויסנדיק וואָס די ווייס־ציכטיקע נײַמאָדישע
לאַבאָראַטאָריעס אַטאָמישע טויט־געצייגן
באַהאַלטן אין זיך,
טראָגן.

.2

קאַליפאָרניער וועגן האָבן פאַר זיך די שענסטע
ערטער אויסגעקליבן,
און וואונדערלעכע בילדער זיי האָבן
פאַר מענטשנס אויגן אָנגעשריבן.
איז מיר אַזוי שיין צו קוקן אויף אַ פאַרדרייטן שליאַך,
וואָס שלענגלט זיך ווי צום ים אַ פאַרלוירענער טייך.
און נאָך לויפן די אָנגעלאָדענע אַפּריקאָסן,
פלוימען, און באַרן־בוימער
וואָס איילן צו געזעגענען זיך מיט מיר.

קאַליפאָרניע, עס טוט מיר אַזוי באַנג
צו זען ווי זשעדנע גראַב־אייזנס בייסן זיך איין אין דיר
ווי אַ גיפטיקע שלאַנג
און דיינע קינדער וואָס שלאָפן נאָך אין וויגן
וועלן שוין ניט וויסן אַז פרוכט, בלומען
און טרויבן זו האָסט דעם לאַנד צעשיקט
ווי לעבעדיקע גרוסן.

.5

(פאַר די גאַרפילדס)

איך האָב היינט די גאַנצע זון
אויפגעגעסן
און אויסגעטרונקען אַ ים מיט וואַסער —
זיינען אַלע שווערע פאַרדרוסן, אַנגעקליבענע
אין מיר, געוואָרן מילדער און בלאַסער,
אַ, הימל ליכטיקער און ריינער — אַ מענטשן
איז אַזוי גוט אומגיין אויף דער ערד
און חברן זיך מיט גראָז, בלעטער, מוראַשקעס,
און שטיינער.
אַ מענטשן איז אַזוי ליב אַריינצוקוקן
אין זיך,
און לייענען ווי לידער אין אַ בוך
זיין אייגן לעבן.
שווערע טעג ווי אומשולדיקע שאָף טראָגן
אויף זיך אָנגעהאָדעוועטע יאָרן,
און אַלע שיינקייטן וואָס דאָס לעבן פאַרמאָגט
קאָן מען דאָך פאַר זיך אַליין —
אין גאַנצן ניט אָפּשפּאָרן.

.6

(פֿאַר חיים און רות שוואַרץ)

פיר זיינען מיר געווען,
און העכער פון אונדז איז דער הימל
געווען,
זיינען מיר אויף בערג געקראָכן און געגאַנגען
איבער וואונדערלעך אויסגעלייגטע שטיינערנע
טרעפּ.
געקוקט אין קרישטאָל־גלאָז, אויסגעשליפן פון
געראָטענע הענט,
אויף די שטיבער און די טאָלן אין אַ ווינקל
פון קאַליפאָרניער ערד.
פיר זיינען מיר געווען: איך, און מיין ווייב,
און דאָס ווייב פון מיין פריינד, און ער —
אַ יידישער פּאָעט.
און אַ ליד אַזאַ האָט זיך אין מיר צערעדט,
פאַר געלט קאָן מען קויפן אַ לאַנדשאַפט,
פאַר געלט קאָן מען אויסבויען אַ היים —
אַ שטוב,
פאַר געלט קאָן מען איינהאַנדלען אַ באַרג,
צי אַ טאָל,
נאָר צו פאַרליבן זיך אין שיינער וועלט
קאָן האַרץ ניט זיין קאַרג און שמאָל.

.7

(פֿאַר די ראַנטשעס)

סאַנטאַ מאָניקאַ —
אַלע דיינע ביימער, פענצטער און טירן
באַחנען דעם ים וואָס באָדט זיך

ביי דיין ברעג,
אַלע דיינע טעג, און וואַכן גיבן רו און פרייד
צו אויסגעהאָרעוועטע הענט.
היינט האָט מיין פריינד, מיין חבר און יידישער פּאָעט,
געפירט מיך צווישן דיינע פאַנטאַסטישע עקזאָטישע
פּאַלמען, אויסגעשפּרייט איבער דיין פּאַליסאַדע —
ווי אַ סוכה־דאַך,
און דער הימל האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער
שיין יידישער שפּראַך.
סאַנטאַ מאָניקאַ, פון פּאַסיפישן ים
דו הייבסט זיך אויף פּאַר מיר ווי דער לעגענדאַרישער
באַרג סיני,
און אויף דיינע ווייך זיידענע גראָזן און
בלומען־בייטן שוועבט וואונדערלעכע שכינה.

8.

היינט האָט אַ קאַליפאָרניער טאָג
זיך איינגעקוקט אין מיר
און דערקאָנט זיינס אַ פריינד אַ גוטן,
האָט ער מיט פרייד מיר דערציילט
ווי שיין ס'איז צו טוליען מיך אין זיין מיטן.
זיינען מיר אין איינעם אומגעגאַן,
און אויסגעטרייסלט פון זיך אָנגעקליבענעם
צער, ווייטיקן און פּיין,
און אַזוי וועט שוין צווישן אונדז אַ פאַרבונדענע
ליבע פון פריינדשאַפט זיין.

9.

אין פריע מאָרגנס אין אויפגאַנג
פון שיינע טעג

סאַן־פראַנציסקאָ ליגט אויסגעשפּרייט ווי אַ חלום
אין אַ שפּיגל ביי איר גאָלדענעם טויער־בריק,
און איך זע זי ווי אַ וואונדער, פון אַ פענצטער
אין בוירקלי, אין מיין פריינדס שטוב.
מיין פריינד האָט זיך אַרויפגעקליבן איבער דעכער,
איבער שטיבער, אויף אַ באַרג־אַרויף,
און וויפיל ביימער, און וויפל בלומען איר טרעפט
אין דער וועלט נאָר אָן,
מיין פריינדס גאָרטן איז מיט זיי אָנגעטאָן.
זיץ איך אין מיין פריינדס גאָרטן
אינדערפרי, און אין שפעטן פאַרנאַכט,
און פון איבער אויסגוס ימיק וואַסער
מיט סאַן־פראַנציסקאָ אַ ליבע איך שפּיל.

.10

דריי שטיינער־בערג —
לעגענדע רופט זיי „דריי ברידער״ —
קוקן אַראָפּ אויף קאַליפאָרניער
יעסעמעטי־טאָל,
און זינגען אויף זייער אייגן מאַמע־לשון
וואונדערלעכע לידער.
שטורעמס און ווינטן, שנייען און קעלט
הונדערטער יאָרן אויף זיי האָבן זיך
אָפּגעשטעלט.
דער הימל האָט געשיקט צו זיי
דונערן און בליצן, שטיקער לייב
פון זייערע געשטאַלטן האָט אָפּגעביסן,
און זיי, ווי ס׳וואָלט גאָרניט פאַסירט,
שפּילן זיך מיט אונדז, ווי מיט אַ קליין קינד.

.11

לאָס־אַנדזשעלעס,
שטאָט פון גרויסע גליקן,
געקומען בין איך צו דיר
אָנצוקוקן זיך אין דיינע אַנטיקן.
יאָרן לאַנגע, לאַנגע יאָרן איך האָב אַ געדאַנק
אין זיך אַרומגעטראָגן,
אַז ס'איז ניט דער גאַנצער אמת וואָס מענטשן
וועגן דיר דערציילן און זאָגן.
איך האָב געהערט אַז דו לייגסט זיך גאָר
קיינמאָל ניט שלאָפן,
אַז פון גאַנצן לאַנד די געבענטשטע וואָרט־
און פאָרם־קינסטלער אויף גאָלדענע טרובעס
צו דיר טוסט רופן.
היינט האָב איך דיך אַ צעשויבערטע,
אַ דערשראָקענע דערזען,
און מיר דאַכט, אַז דו ווייסט ניט צי דיין לעבן
גייט גלייך, צי קרום.

.12

מענדינס ינא,
דער פּאַסיפיק ים האָט זיך אַרומגעוויקלט
אַרום דיין האַלדז,
און מיט פול־צעעפנט מויל געאָטעמט
זיין לעבן אויף דיר.
ביסטו ווי אַ שיינע כלה אויסגעפּוצט
מיט זייד און מיט טול, מיט פּליוש און מיט
וואָל, און האָסט געוואָרט אַז איך זאָל זיך
פאַרליבן אין דיר.
האָסט געוואָרט הונדערטער יאָרן:
טויזנטער באַזוכער פון אַלע עקן וועלט

צו זען דיין שיינקייט זיינען צו דיר געפֿאָרן.
נאָר דו האָסט אין בענקשאַפֿט געהאַפּט,
אַז איך וועל צו דיר קומען.
איצט בין איך שוין אויך מיט מיינע גאַנץ היפּשע יאָרן
געקומען צו זען דיך, און דו מעגסט עס וויסן,
אַז ווי אַ יונג יינגל, איך האָב דאָ ביי דיר
מיין האַרץ פֿאַרלאָרן.

.13
פּעטאַלומאַ,
די וועגן לויפֿן דאָ אַרום
ווי צעשראָקענע שאָף אין אָנקום
פֿון אַ זאַווערוכע,
און די פֿרוכטביימער שפּאַרן־אָן
קאָפּ צו קאָפּ זיך אָפּצוהיטן
פֿון שטורעם־ווינטן, רעגן־אויסגוסן,
און וואָס עס איז דאָ נעכטן געווען
איז שוין היינט ניט מער פֿאַראַנען —
פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ ביז פּאָרט ברעג
גייען־אום די מערדער־עסקאַוואַטאָרס
מיט שווערע שפּאַנען.
און אַז איך בין דאָ אַמאָל אַ גאַסט געווען
און זיך געפֿרייט מיט די אַפּריקאָסן,
פֿלוימען און עפּל,
האָב איך ניט געוואוסט, אַז די שיינעביימער
אויף דיין גוטער ערד
קאָנען זיך אָפּקאָכן ווי אַ באָרשטש
אין אַ טעפּל,
און אַז איך בין היינט אין אַן אויטאָ
דורכגעפֿאָרן אויף אַ וועג וואָס האָט,
ווי אַ פֿאַרוויקלטע שלאַנג,

אין דיין ערד זיך איינגעביסן,
האָב איך דערפילט דעם אומקום
פון מענטשנס געוויסן.

14.

העכער פון הימל איז קיין וועלט ניטאָ,
און טיפער פון דער ערד קיינער ווייסט ניט —
וואָס ס'איז דאָ.
דערווייל שטיי איך און קוק אויף פּאַסיפישן ים,
און אין מיר וואַקסט־אָן אַן אוקראַיניש שטעטל,
וואו עס איז פאַרפלאַנצט מיין יידישער שטאָם.
אָ, אַמעריקע, גלייבן מעגסטו מיר,
אַז קיין שלעכטן ווילן אין מיין האַרצן איבער קאַליפאָרניער
וועגן צו דיר איך פיר.
איך פיר מיינע יאָרן אָפּגעהאַרעוועטע ביי דיר,
איך פיר מיין קאָפּ אַ גרויען, ווי אַ פאַרעלטערטע
אַלטמאָדישע טיר.
איך פיר מיינע צעעפנטע אויגן — גליענדיקע
פונקען אין מיר.
איך פיר מיין גאַנץ לעבן, מיין חלום, מיין טרויער,
מיין פריינדשאַפט, מיין צער, מיין צאָרן, מיין ליבע
צו דיר.
איך פיר אַ יידיש האַרץ איבער קאַליפאָרניער וועגן,
און אַ וואַרעמע גוטסקייט אין זיך איך שפיר.

פערציק טויזנט

הײַנט איז מאָנטיק נײַנצן נײַן און זעכציק,
אַכטער טאָג אין דעצעמבער, און עס גייט אַ רעגן.
ס׳גייט אַ רעגן איבער שטעט און דעכער,
און ס׳גייט אַ רעגן איבער פעלדער און שליאַכן,
און ס׳גייט אַ רעגן איבער וועלדער און טײַכן,
און ס׳גייט אַמעריקעס יונגער יונג,
און טרוקענער זשאַווער ברענט אויף זײַן צונג.
אַך, ווי ווײַט דאָס לאַנד מײַנס האָט מיך
פאַרוואָרפן אַרומצוזוכן אַ יונג,
וואָס איז אויף מײַן לאַנד־ערד קיינמאָל
ניט געקראָכן.
אויסצוטריקענען אַ זומפּיקע בלאָטע מיטן טויט
פון יונגע יונגען אין מײַן ראָטע,
פאַרוואָרפענע ווי איך אַליין.
הײַנט איז מאָנטיק דעם אַכטן דעצעמבער
פון יאָר נײַנצן נײַן און זעכציק —
העכער אַ הונדערט רויטע האָבן מיר געהרגעט
און דערשאָסן,
איז וועמענס ווײַטיקן וועט עס זײַן, און וועמענס
וועלן זײַן די פאַרדראָסן:
פערציק טויזנט מײַנע יונגע אַמעריקאַנער ברידער,
האָבן וויעטנאַמער ערד, מיט זייער בלוט —
באַגאָסן.

טריט אויף דער לבנה

דאָס ברויט אויף מיין טיש
איז ניט געוואָרן גרעסער,
און דאָס קראַנקע האַרץ פון לאַנד
איז ניט געוואָרן בעסער,
די שטערן אין הימל האָבן זיך ניט
דערשראָקן,
און די לבנה פון איר וואוין־רוים
איז ניט אַנטלאָפן.
איז וואָס איז אויף דער וועלט געשען,
וואָס האָבן מיליאָנען אויגן געקוקט, געקוקט,
און געוואָלט זען?
גאַלילעאָ, קאָפּערניק, לעאָנאַרדא דאַ ווינטשי,
און זשול ווערן, אַ שיינער טרוים,
אַ וואונדער כישוף־בוים,
הונדערטער יאָרן געוואַקסן אויף ערד —
און צום הימל זיך געהויבן.
איצט איז אַלץ צעפאַלן געוואָרן,
און ס'איז שוין ניטאָ מער אין וואָס
צו גלויבן.

צ

פון טעג און פון ליבע

1.

ס׳איז דאָ שוין דער טאָג,
און ס׳איז דאָ שוין דער אָנקום
פון אַ נייעם מאָרגן.
די ערד איז פאַרזייט מיט וואַרעמקייט
און ליכט.
און די זון לאָזט קיין איין בוים און גראָז
זיך ניט זאָרגן.
אַלץ אָטעמט דאָ און ס׳וואַקסט,
און וואונדער־לעבן לעבט אין גלויבן.
גיי איך אום און זינג אַ ליד —
מיט פאַרליבטע אויגן.

2.

איז געקומען אַ פויגל צו טרינקען דאָ וואַסער פון טייך,
און אַ מיידל זינגט, אַז ליבע איז די שענסטע זאַך.
אָ, ליבע מיינע, וויפל טעג האָבן מיר שוין אָנגעקליבן,
און וויפל שיינע ליבעס אין אונדזערע יאָרן
האָבן מיר פאַרשריבן.
וויפל וועגן זיינען מיר דורכגעגאַן,
אַז אונדזער לעבן זאָל רייכער זיין.
וויפל קילע וואַסערן און טייכן האָבן זיך מיט אונדז באַגליקט,
און וויפל פיין און צאָרן מיט אונדזער ליבע האָבן מיר דערשטיקט.
איז געקומען אַ פויגל צו טרינקען וואַסער פון טייך,
און אַן איינזאַם מיידל זינגט אַז ליבע
איז די שענסטע זאַך.

.3

זיינען דאָ טעג געגאַנגען —
ווי שיינע פּרויען אויסגעפּוצט
אין פאַרביקע קליידער, און זייער לעבן
פול מיט חן.
און איך אַליין בין דאָ אויך ניט געווען
איינזאַם און אַליין.
איך בין אומגעגאַן צווישן עקזאָטישע
ווילדע וואוקסן, אָפּגעזוכט שלינג־שלענגלדיקע
דורכשניטן,
וואָס אינדיאַנער האָבן אַמאָל מיט זייערע טריט
אויסגעשניטן.
באַקענט זיך מיט די קאַלינעס און מאַלינעס,
וואָס וואַקסן דאָ ביי יעדן שטיינערנעם צוים.
איך האָב די זון אַלע פרימאָרגן ווי אַ גוטן
פריינד צו זיך פאַרבעטן,
און מיט וואַרעמער פרייד
דעם אָפענעם רוים אינטים און נאָענט
גענומען גלעטן.
דעם וואונדערלעכן הימל, און עלעגאַנטע פאַרעמס
איך האָב אויסגעקנאָטן, מלאכים, און אַקראָבאָטן,
באַפאַלאָ־אָקסן, און גאָלדענע פּאַוועס,
מיט מיינע אויגן איך האָב אויסגעקלעפּט
און צוגעשניטן.
און די ווינטן זיינען מיט מיר אַזוי חבריש געווען.

.4

אַ יונגער טאָג
האָט זיך דאָ צוגעטוליעט צו מיין פענצטער,
און ווייכע פרייד פון גראָז
צעשפּילט האָט זיך אין מיין אויג.

איבער מיר די זון איז אויפגעגאַנגען,
און אַלע שאָטנס פון אונטער מיר געפאַנגען,
איז מיר אַזוי גוט צו זיין דאָ אויף דער וועלט.
ליבע מיינע, ווי אַ געוויקס אַ ווילד־שיינער
צו מיין לעבן דו האָסט זיך אַזוי אינטים
צוגעקלעפּט.

.5

טעג געבליבענע דאָ,
ווי זאָל איך אייך אָפּדאַנקען,
ווי זאָל איך אייך איבערלאָזן,
און אויסלאָזן פון מיינע געדאַנקען.
אָט גייט איר אַרום מיט מיר,
און מיט מיין ווייב מיין ליבער.
אָט וואַרעמט איר זיסן האָניק אָן
און דערקוויקט אונדזערע גלידער,
אָט שטייען מיר מיט אויגן צעעפנטע, פאַרגאַפטע,
פון די בערג איר לויפט צו אונדז איבער פעלדזן,
איבערביימער, שפּיציקע, פאַרשאַרפטע.
אָט נעמט איר אונדז אַרום און וויקלט אונדז
אין פילקאָלירנדיקע שאַלן,
פילט אונדז אָן מיט שלאָגנדיקער פרייד
ווי וואַסערן פון קוואַלן.
אָט פירט איר אונדז אַרום און ווייזט אונדז אָן
די צייכנס וואו די ערשטע אייערע פּיאָנערן
און די קברים ליגן.
אָט זיצט איר מיט אונדז אַליין
אויף אַ צונויפגעלייגטן פּלויט פון שטיין,
און הערן זיך צו צום געזאַנג פון זון־פאַרגאַנג,
און פילן אין זיך דעם ציטער פון לעצט האַרפן־קלאַנג.
טעג געבליבענע דאָ

מיט אייערעביימער אָנגעלאָדענע
מיט גאָלד און רויט
מיין שיינע ליבע אין אייך
איך האָב דאָ פאַרזייט.

.6

דער הימל וואַרט און ס'וואַרט די ערד
אויף האַרבסט־געבוירן.
ליבע מיינע, צוליב וואס זיינען מיר
אַהער געקומען?
דער הימל וואַרט און ס'וואַרט די ערד.
ליבע מיינע, וואָס האָבן מיר מיט זיך
מיטגענומען?
צי קאָנען מיר ווי די פיש אין די טייכן אַרומשווימען,
צי קאָנען מיר ווי די הירשן איבער פעלדער און וועלדער
לויפן, שפרינגען?
צי קאָנען מיר ווי די ביימער בייטן די קאָלירן;
צי קאָנען מיר ווי די זינג־פליגן אין די גראָזן
זיך פאַרלירן?
צי קאָנען מיר די זון מיט אונדזערע הענט אַרומנעמען?
צי קאָנען מיר די פאַרוואָקסענע בערג מיט אונדזערע
פינגער צעקעמען?
ליבע מיינע, דו און איך, נאָך וואָס זיינען מיר
אַהער געקומען?
מיד זיינען מיר געווען און אָנגעשטאָפּט מיט יאָך
פון שווער לעבן.
רו האָבן מיר געזוכט פאַר זיך און ניט געוואָלט
ווי פייגל אין די הויכן פליען.
ניט געוואָלט האָבן מיר פאַרמעסטן זיך
מיט אויסגעשפּרייטע פליגל;
ניט געוואָלט האָבן מיר פאַרגלייכן זיך

מיטן מענטש, וואָס דאָ־הי ס׳הענגט זיין וויגל.
געוואָלט האָבן מיר
צו לעגענדאַרישע מעשיות זיך צוהערן,
ניט געוואָלט האָבן מיר, אַז אַלץ־וויסנדיקע
מיר זאָלן זיך צוריק אומקערן.
ניט געוואָלט האָבן מיר אין שטיינער איינקריצן
אונדזערע נעמען.
געוואָלט האָבן מיר אָבער אויך אונדזער
אָפּשטאַם ניט פאַרשעמען.

יעדער ליד פאַר זיך

.1

מײַנע טעג זײַנען אומגעגאַנגען
מיט אַ פאַררײסנעם קאָפּ,
און מײַנע אויגן האָבן געזען דעם
אויפגאַנג פון אַ טרוים,
און דעם געבורט פון פאַרשטײן.
מײַן לעבן און מײַנע יאָרן
האָבן אויף אַלע מעגלעכע װעגן אַז מיר
ניט געװאָלט גײן,
זײַנען מיר אינאײנעם אויסגעװען די גאַנצע װעלט,
און װאָס אַ מענטש קאָן מיט זײַן האַרץ און אָטעם,
האָבן מיר אין קאָן אײַנגעשטעלט.
איז דער הימל געװען אַ פאַנטאַזיע, אַ לעגענדע,
און די זון האָט געװאַרעמט אַלץ װאָס האָט
געדאַרפט װאַקסן און בליִען:
בײמער געהיט האָבן, אַז די ערד זאָל ניט
פאַרטריקנט װערן.
און די ערד אַלײן האָט אָפּגעגעבן מענטש
איר פּילפּאַכן פאַרמעגן.
לבנה האָט געשפּילט זיך מיט ליכטיקן גלויבן,
און פאַרליבטע האָבן געפלאַטערט װי פליגל
פון טויבן.
אַ שײנע פּאַנאָראַמע פון לעבן
האָט זיך פון ים צו ים געצויגן,
און מאַמעס האָבן גרויס גליק געהאַט,
װען זײערע עופּעלעך האָבן דאָס מילך
פון זײערע בריסט געזויגן.

גראָזן האָבן געגרינט און זײַנען צײַטיק,
און װײך געװאָרן,
און אויף פעלדער האָבן אין פרייד
געזונגען די זאַנגען מיט װײץ און קאָרן.
געגאַנגען איז אַ רעגן, און אויסגעפאַלן איז אַ שניי,
װינטער האָט אויפן פרילינג געװאַרט, און זומער
אַ פאַרזאָרגטער װעגן האַרבסט האָט געטראַכט.
הענט האָבן שיך און קליידער גענייט,
הענט האָבן שיפן און בריקן געקאָװעט —
און געלייט,
האַרץ האָט געציטערט און פיבעריש געגאַרט —
אַז פרידלעך, אומגעשטערט ס׳זאָלן פאַרבייגיין
דער טאָג און די נאַכט.

2.
אויף טיש אָנגעשניטן ברויט,
ליכט און שאָטן פון פאַרנאַכטיקער זון
אויף די װענט צעשפּרייט,
בענקלעך אַרום טיש אויסגעשטעלט
און צוגעגרייט,
און אויף די פענצטער דער טאָג פאַרגייט.
אָט אַ לעבן, אָט אַזוינס, װי אַ מענטש
מאָלט זיך אויס אַ שיינס.
בלומען־טעפּלעך אויף בלישטשענדיקע בענק,
און אין אַ װינקל אַ רויט־געפאַרבטער ביכער־שראַנק
אין בענקענדיקער האָפענונג שטייט.
שפּינאָזע און אַריסטאָטל, מאַרקס, פּלאַטאָ
און פּרודאָן.
פון אַלע טיפע תהומען, פון אַלע צעשוימטע
רוימען, געבענטשט זאָל זײַן דער כוח פון װיסן
און פאַרשטיין.

3.

אַ מענטשנס טריט, אַמאָל אין ביכער
ווערן פֿאַרשריבן,
אַ מענטשנס בלוט, אַמאָל אַ צווייטן
קאָן מען אָפּגעבן.
אַ מענטשנס פֿרייד, אַ מענטשנס טרויער,
אין זיין האַרץ בלייבט ליגן.
אָ, יונגער פֿרילינג־טאָג,
גאָט זאָל דיר כּוח געבן מענטשנס פֿרייד
און טרויער זאָלסט פֿאַרטראָגן,
און געבן אים האָפֿענונג אין זיין וועג.
פֿון מיינע טעג און פֿון מיינע יאָרן,
וואָס האָב איך באַהאַלטן, און וואָס האָב איך
געוואָלט אָפּשפּאָרן?
אַ שאָרך פֿון וואָרט, אויפֿגאַנג פֿון קלאַנג,
אָנקניפּ פֿון זאָג, געבורט פֿון זען.
מיינע לידער — איך האָב זיי ניט אויסגעטראַכט
און האָב זיי ניט פֿאַר שיינקייט געשריבן, —
פֿון זיך אַליין איך האָב זיי לעבן
געגעבן.



מענטש און זיין ליד

.1

אַוועקגעגאַנגען זיינע יאָרן, ווי שווערע בערן
אויף קריעס אייז,
און די טעג וואָס זיינען פאַרבליבן האָבן זיך
ניט אויסגעלעבט אין איין פאַרלאַנג.
און אַ יינגל אַמאָל איז איבער
קליינשטעטלדיקע בלאָטעס אומגעגאַנגען,
און זיין פּיצל האַרץ די לעגענדעס און חלומות
פון סיבירער וועגן האָט געפאַנגען.
אַן איי האָט ער געוואַרעמט אין אַ נעסט,
און די רעוואָלוציע אַוועקגעזעצט ביי זיך
אויף קעסט.

שטערן, דורך אין־סופיקע יאָרן האָבן דעם הימל
צו דער ערד ניט אַראָפּגעצויגן
און ביליאָנען זון־שטראַלן האָבן די לעבעדיקע סאָקן
פון דער ערד ניט אויסגעזויגן.
און אַזוי איז איינגעשטעלט די וועלט.
האָט דאָס יינגל פון קליינשטעטל —
אָנגעטאָן אויף זיך אַ מאַנס היטל,
און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט.
משה האָט דעם ים געשפּאָלטן, דער מלאך אברהמס האַנט מיטן חלף
ביי יצחקס האַלדז האָט פאַרהאַלטן,
און נסים אַזוינע האָבן זיך געטראָפן אָן אַן עק.

חלומות זיינען געוואָרן זיכערע טראָטן,
לעגענדעס זיינען געוואָרן אמתע געבאָטן
און אָנהייבן לעבן ווי אַ מענטש

איז קיין מאָל ניט צו פרי.
שטאָט האָט שטעטעלע אויפגעגעסן
און אין בלאָטע געטראָטענע טריט
קאָנען זיך פאַרגעסן,
נאָר רעוואָלוציע
צעוואַקסט זיך ווי אַ בוים.

ביימער וואַקסן ביי אַלע וועגן,
ביימער וואַקסן ביי אַלע ברעגן,
ביימער שטערן קיינעם ניט אין גליק.
און לעבן מיט אַלע מעגלעכקייטן האָט זיך געביטן,
און מענטש האָט אָװעקגעשטעלט זיך אין מיטן
און אויפגענומען דעם גאַנצן איבערפלוס.
ניינצן הונדערט פינף,
ניינצן הונדערט זיבן,
יינגל־מענטש־געשיכטע ווערט פאַרשריבן
און איצט, מיינע געבליבענע טעג.

קאַראַסטישעוו, וואַגן און שליטן, אַ וועג
צו רוסלאַנד האָבן דורכגעשניטן,
און פון דאָרט די גאַנצע וועלט מיט אָפענע אויגן
קוקט און זעט,
יינגל האָט זיך אויסגעלערנט רעדן מיטן זיין
יידיש לשון,
אַלע שיינקייטן וואָס לאַשטשען זיך ווי זייד
און פליושן.
אויגן זיינע האָבן אויסגעשפרייט לאַנדשאַפטן
אויף ווייט און ברייט,
און די רעוואָלוציע לאַנגזאַם מיט שווערע טריט גייט.
אויף ערד וואַקסן גראָזן און פרוכטן בליען,
אַלערליי פויגל פון ווייטן קומען צו פליען,

און אַ פֿאַרליבט האַרץ ווי זון־אויפֿגאַנג
הייבט־אָן גליִען.

.2

דאָס יינגל איז געגאַנגען, און דאָס לעבן זיינס
איז אים נאָכגעגאַנגען און זיך צוגעקוקט
צו זיין יעדן פֿוס־טראָט.
אָ, וויפֿל טייכן ס'איז אויף דער וועלט פֿאַראַנען,
וויפֿל טיפֿע ימען אַלע וואַסערן פֿון די טייכן
קלייבן צוזאַמען,
און אַ מענטש קאָן ניט אויסגיסן זיין חלום —
ווי דאָס שפּראָצלדיקע וואַסער פֿון אַ קוואַל.
זיינען אַזוינע יאָרן שוין איצט פֿאַראַנען,
ווי שווערע באַס־פֿידלען אָנגעשטאָפּטע מיט ביטערן פּיין.
באַמקען אויס פֿאַרוואָלקנטע געפֿילן
טיף אין זיך אַריין.
און אַ יינגל אַמאָל איז אומגעגאַנגען
אין קאָראָסטישעוו, זיין קליין שטעטל,
און מיט זיינע באָרוועסע פֿיס דאָס וואַרעמע זאַמד
ביים טעטערעוו טייך האָט אויסגעקנאָטן,
דינע שאַרפֿע שטיינדעלעך האָט ער אָפּגעזוכט,
און אויף וואַסערפֿלאַך די רעוואָלוציע
האָט ער אָנגעפּירט.
ניינצן הונדערט עלף, ניינצן הונדערט צוועלף — רעוואָלוציע איז
געקוילעט מיט אַ חלף,
און צו דרייצן יאָר דאַרף אַ ייד אָנטאָן תּפֿילין
און אין שול דאַווענען אָנהייבן גיין.
און אָנהייבן אין גאָט צו גלייבן איז ווי אויפֿצוהייבן
אַ שווערן שטיין.
אַז דער אמת פֿון זעלבסט ווערן —
ווי ווייס קלאָרער שניי קומט צו גיין.

שטיינער, שטיינער זיינען אויסגעשניטן אין אַלע מאָסן,
און זיי צוזאַמענלייגן און זיי צוזאַמענקלעפּן
דאַרף מען האָבן געראָטענע הענט, און אויגן וואָס
זאָלן וויסן.
אויסצומויערן אַ הרובע צו אַנוואַרעמען אַ שטוב,
און אויסצופּאַרעמען פּאַרן רייכן אַ זיכערן
קבר גרוב,
אויפשטעלן אַן אויוון, אַז מען זאָל אין אים קאָנען
באַקן־קאָכן
אַלע גוטע מאַכלים אויף שבת, יום־טוב און טעג
אין דער וואָכן.
געגאַנגען איז פון מאַמעס צד בירושה אַ גאַנצע
משפּחה, קענער, אונטערנעמער, אויפשטעלער פון מויערן און
טויערן, פון קלויסטערס און שולן, פון קאַזאַרמעס,
און שפּיטאָלן, און פאַר דרייצן־יאָריקן אַזאַ וועלט
האָט זיך אַוועקגעשטעלט.
אָ, ליבע מיינע, מיינע געליבטע, אַוועקגעגאַנגענע
און געבליבענע מיט מיר אין מיינע איצטיקע
יאָרן —
אַ גאַנץ לעבן אַ מענטשנס פאַרגאַנגנהייט ווי
אַן אויסגעלאָשענע האַלעוועשקע אין זיין האַרץ
וואַרעם און צאַפּלדיק, זאָל ניט גיין פאַרלאָרן.
ניינצן הונדערט דרייצן, משה־לייב פּייסעס איז
נאָך אַלץ קייסער אין באַהעלטעניש פאַרבליבן,
און דרייצן־יאָריק יינגל, טראָט נאָך טראָט, צו זיין
באַהעלטעניש האָט זיך דערקליבן.
רעוואָלוציע קאָן מען ניט דערשטיקן,
רעוואָלוציע קאָן מען נאָר פאַר אַ צייט אונטערדריקן.
אויף פעלדער וואַקסן־אַן נייע גראַזן,
אין גערטנער אַלע פרילינג לויפן אום יונגע האָזן,
מאַמעס גייען אַלע מאָל אויפסניי צו קינד,

און פֿאַרלירן אַן אמתן אַנהייב איז ניט
קיין גרויסע זינד.
שרייב אַן אַ בריוול ווי אַ רירנדיקע מעלאָדיע,
אויסגעשפּילט אויף פֿידל,
אַז פֿאַרחלשטע הערצער זאָלן אין פֿרייד דערהערן.
איז אַ דרייצן־יאָריק ייִנגל איבער שטעטלדיקע בלאָטעס
צו אַ שטוב געלאָפֿן,
און אַ מיידל שיינדל ביי אַ טיר געטראָפֿן,
קוקט זי אויף אים, און ער אויף איר,
איז וואָס זשע שטייען מיר אין דרויסן ביי דער טיר,
אַז די רעוואָלוציע אין אייגענע הענט
איך פֿיר.

3.

שיינע טעג. די ביימער אין צוויטן,
און דאָס גאַנצע שטעטל שפּילט
אויף פּויק און פֿלייט.
גייט אַ ייִנגל אין סאָסנאָוון וואַלד,
און אַ מיידל שיינדל ביי זיין זייט,
און אין זיין גאַנץ לעבעדיקן זיין —
אַ וואַרעמער שטראָמענדיקער זינגענדיקער
אָפּקלאַנג.
פֿון אירע פֿילטענערדיקע רייד אין
זיין האַרצן שלאָגט אַן אַ פֿרייד.
רעוואָלוציע איז ניט קיין שיינער עפּל,
און אוודאי ניט קיין זיסע פֿלוים,
מאַמע געשמאַקער איינגעמאַכטס —
ווערט ניט אויסגעפּרעגלט פֿון זיך אליין
אויף בוים.
אַלץ איז שווער, און האַרט ווי שטיינער,
אַלץ איז איינגעשפּאַרט, און שטאַרק ווי אייזן,

איז דאָרטן אויף מאָכיק־בערגל וואַרטן די
וואָס וועלן אונדז דעם וועג צו דער
רעוואָלוציע ווייזן.
משה־לייב פּייסיס, דר. ביאַליק,
אַלטע־ריקעלע, און חנה־רחל — אייניקלעך
פון הייליקן רבין ר׳ מאָטעלע טווערסקי,
אין וועמענס הויף חיים הערש האָט אַלע
פרייטיק געקאָכט פיש אין אַ קופּערנעם קעסל,
און אַלע שבת פאַרנאַכט האָבן יידן, חסידים
פון גאַנץ רוסלאַנד, געוואַשן זייערע הענט
מיט וואַסער פון אַ מעשענעם טעפּל
און געגעסן שטיקער פיש מיט הוילע פינגער,
ווייל דער רבי האָט געזאָגט תורה
מיט אַ שטימע ווי אַ פאָלקס זינגער.
אַלטע־ריקעלע, חנה־רחלע — לאַנגע צעפּ
מיט לענטעס איבערגעבונדן, ליבע און
וואונדער אין יינגלס אויגן
האָבן אָנגעצונדן.
דאָקטער ביאַליק, משה־לייב פּייסיס אויפן בערגל
האָבן אויסגעלייגט די רעוואָלוציע פון אָנהייב —
בראשית.

אָ, יאָרן, מיינע איצטיקע יאָרן,
אַזויפיל וואונדערלעכע שיינקייטן
אין איינעם מיט אייך, איך האָב שוין
פאַרלאָרן,
אין דעם טעטערעוו, אין דעם סאָסנאָוון וואַלד,
אין דעם באַסקאַטש, אין דער שטיינערנער
בריק, די טישע, און די סקאַלע־מאַריע —
איינגעבאַקענע אין מיר, זיינען מיט מיר —
געבליבן.

און אַמאָל איז ייִנגל מיט אַ בוך אונטערן אָרעם
אַרומגעגאַנגען, און אין זיין קאָפּ
אויפגעזאָטענע פאַרלאַנגען,
שיינדל, אַלטע־ריקעלע, חנה־רחלע, לעניו,
פלעכאַנאָוו האָבן געצויגן ווי מיט
אַנגעגליטע צוואַנגען.
קאַראַסטישעוו, צווישן וואַלד און טעטערעוו טייך
אַ קליין פאַריידישט שטעטל,
שבת גייט מען אין בית־המדרש, אין שול,
און מען פוצט זיך אויס אין אַלפּאַגענע, און אין
קאַרטענע קאַפּאָטעס.
מאַמעס טוען אָן חופּה־קליידער, און דעקן
איין די קעפּ מיט זיידענע קוסינעס,
און דער שאָסיי וואָס גייט פון קיעוו צו זשיטאָמיר
ווערט פאַרזייט מיט יוגנט אַלערליי,
און ווערט באַלעבט מיט זינגענדיקע לידער.

.4

אַ מענטשן איז גוט צו זאָגן,
אַז הונדערטער וואָכן און צענדליקער יאָר
די ערד האָט געהערט פון זיין הארץ די טיאָכן,
און פון זיינע פיס דעם טראָט זיכער און קלאָר.
און אַ מאָל איז ייִנגל אין שטאָק־פינצטערער נאַכט
מיט אַ מיידל שיינדל געגאַנגען
און פּראָקלאַמאַציעס אויף ביימער און לאַמטערן־
סטויפּעס אויפגעהאַנגען.
זיינע אויגן האָבן געקלעמט פון גרויס שרעק
זען זייערע שאָטנס זיך אויסשפּרייטן
אויף ערד, ווי אַ באַוועגלעכער פלעק.

אַ, יאָרן, יענע טייערע יאָרן,

ווי אַזוי האָבן זיי זיך מיט יידיש ייִנגל
אָנגעהויבן פּאָרן?
קאָראָסטישעוו — אַ שיין ליריש שטעטל
אין רוסלאַנדס אוקראַינע, פאַרמאָגט האָט
זיבן רייכע יידן, עטלעכע פאַבריקלעך,
אַז אָפענעם מאַרק מיט צוויי רייען קלייטן.
אַ פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע, אַ שוויצבאָד,
אַ בוינע, און קבצנים אַ סך.
און אין מיטן שטאָט רב מאָטעלע טווערסקיס
גרויסאַרטיקער מויער מיט אַ רויט געפּאַרבטן דאַך.

אַלע בלאָטעס פון גאָרער וועלט
האָבן אין האַרבסט, אויף מאַרק און גאָסן
זיך אָפּגעשטעלט,
אויסגעמוטשעט אַלעמען, ביז ס'איז אָנגעקומען
די ווינטער־קעלט, און מיט פראָסט און שניי
די בלאָטעס אויסגעגלעט.
פאַרפרוירענע קאַלוזשעס זיינען גרויסע
גליטשעניצן געוואָרן, און אויף זיי קינדער
אויף אַלערליי אויסגעקלערטע שליטעלעך
געיאָגט זיך און פאַרשייטע זיינען
אַרומגעפאָרן.
און וויפל וואַרעמקייט אין ייִנגלס האַרץ אין יענע טעג
האָט זיך פאַרקליבן,
אַז גליטשן זיך מיט שיינדלען האַנט אין האַנט
האָבן זייערע פינגער ליבע לידער אָנגעשריבן.

ישכר־בער ריבאַק און מאַרק שאַגאַל
האָבן ציגן אַרויפגעלאָזט
זיך צו פּאַשען אויף שטעטלשן שטרויענעם דאַך,
און איך וועל אַפילו איצט, אין מיינע לאַנג־

געלעבט יאָרן, ניט פאַרגעסן דעם וואונדער —
צעגאָסענעם קאַראַסטישעווער
טעטערעוו־טייך.
ניינצן הונדערט צוועלף, ניינצן הונדערט דרייצן,
ביי דער טושע אויפן גרינעם גראָז
משה טאָקאַרסקי, אַ קיעווער סטודענט, מאַרקסן
האָט אָנגעהויבן אויסטייטשן.

אַלע זומער צעבליען זיך די אַקאַציעביימער,
און די טושע איז דער שענסטער פּלאַץ
וואו עס קומען זיך צוזאַמען אַלע וואָס האָבן
זיך ליב,
און אַלע רעוואָלוציע־פאַרטראַכטע טרוימער.
און אַמאָל איז אַ יינגל געזעסן מיט זיינע אויגן
ברייט צעעפנט, און יעדעס וואָרט
פון טאָקאַרסקיס מויל ער האָט פאַרקנופּט,
און פאַרטשעפּעט.
זיין מאַמעס יונג אַלמנה־לעבן,
און זיינע צוויי שוועסטער ווי צעשראָקענע
פייגל שוועבן.
און ער אַליין איז נאָך בר־מצווה ניט געוואָרן,
דאַרף ער זיך היטן און זיך שפּאָרן,
און ניט פאַרשוואַרצן מאַמעס עלנטע יאָרן.
מאַמע האָרעוועט און שטייט אויף אין פריע
פאַרטאָגן,
אין מאַרק צווישן וועגענער לויפט אַרום
און זוכט ביי פויערטעס וואָס זייערע
קוישן פאַרמאָגן.
הינער, אייער און אַפילו הייפּטלעך קרויט,
איינגעהאַנדלט אַלץ וואָס זי האָט געקאָנט
פאַרטראָגן,

און צו די דאַטשעס איילנדיק אוועקיאָגן,
אַז חלילה אירע קונים זאָל עמעצער אַנדערש
ביי איר ניט אָפּשלאָגן,
און אַ מידע אַריינפּאַלן אין הויז.

אַ, יאָרן, מיינע יאָרן,
איר זענט שוין מיט מיר אויף שיפֿן
און אויף באַנען אויף אויטאָס, און אויף
עראָפּלאַנען אומגעפֿאָרן.
צוגענומען ביי מיר יענע קליינשטעטלדיקע
ערד, וואו עס האָט מיין מאַמע מיך געבוירן.

.5

אין מענטשנס נאָמען איז דאָ
אַזויפיל פֿרייד,
און אויסגעוואַקסענע ליבע קומט ניט
פֿון גלאַטע חנעוודיקע רייד.
לעבן לייגט זיך אויס אַמאָל אַזוי
שיין און גלייך,
ווי פֿון נאַטור געבוירן פֿליסנדיקער טייך...

און אַמאָל איז ייִנגל מיט אַ מיידל שיינדל
אין קאַראַסטישעוו איבער גערטנער־פּלויטן
אַריבערגעקראָכן,
פֿון קראַפּעווע צעבריט, און פֿון שטעכלקעס
צעשטאָכן,
נאָר דאָוויד דעם קאָוואַל האָבן זיי
ביי דער פּאַפּיר־פֿאַבריק געטראָפֿן,
געזאָגט אים שטיל און דערשראָקן
אַז דורך זייטיקע גאַסן זיינע זיי
צו אים געלאָפֿן.

און אַז ער וועט פרייטיק אין שטאָטישער
באָד גיין,
וועט משה הערש וואָלפּס, שיינדלס טאַטע,
שעפּלער קאַלטע וואַסער גיסן אויף די
אָנגעגליטע שטיינער,
אַז אַ קוויקנדיקע פּאַרע וועט אַרומנעמען
אַלע זיינע ביינער,
און מיט אַ ווייכן בעזעם אים אָפּשמייסן
אויף דער העכסטער שוויץ־באַנק.

און פון יינגלשע יאָרן
איז שוין אַ גאַנצע וועלט אַוועקגעגאַנגען,
און דאָרטן, וואו עס האָט געוואַקסן אויף
פעלדער, ווייץ, און קאָרן־זאַנגען,
און דאָרט וואו עס האָבן זיך געוואָרעמט
און געצייטיקט די גאָלדענע האָפּן אויף
שטאַנגען
איז דרייצן־יאָריק יינגל מיט אַ מיידל שיינדל
צווישן טאָג און נאַכט אומגעגאַנגען,
און צוגעזאָגט איינס צו איינעם, אַז נאָר
דער רעוואָלוציע זיי באַלאַנגען.

אָ, יאָרן מיינע, איצטיקע יאָרן אָנגעהאָדעוועטע
מיט ברויט און קרויט, מיט לידער און מיט נויט,
מיט פריינדשאַפט און מיט טויט,
אַ מענטשנס פאַרגאַנגענע יאָרן זאָלן זיך
ניט אויסלעשן, ווי פון וואַטע אַ ברענענדיקער
קנויט.
ניינצן הונדערט צוועלף, ניינצן הונדערט דרייצן,
איבער רוסלאַנדס שטעט און שטעטלעך
שרעקנדיקע, פריילעכע נייסן האָבן אָנגעהויבן

פלאַצן:
אין קיעוו מען האָט סטאַליפּינען דערשאָסן,
אויף שיפן בונטעוועז זיך מאַטראָסן.
לייבל דעם צירולניק מען האָט אין קייטן געשלאָסן
און מיטן עטאַפּ קיין קיעוו אַוועקגעשיקט.
קיעוו ליגט צוקאָפּנס, און זשיטאָמיר
שטייט ביי די פּיס,
און צו דערזען איינע פון זיי ווערט
ווי אַ חלום צוקערדיק זיס.

.6

אין יעדער וואָך זיבן טעג זיינען פּאַראַנען,
און פון קיעוו צו זשיטאָמיר דורך קאָראָסטישעוו
גייען ניט קיין שיפן, און ניט קיין באַנען,
נאָר אַלע טאָג אויף שטיינער־ברוקירטן שאָסיי,
פּאָרן קרייזנפעלדס צווייגאָרנדיקע דיליזשאַנען.
יינגלס האָרץ הייבט אָן ווי אַ פּויק קלאַפּן,
הענט און פּיס ציטערן ווי דאָס גאַנצע בלוט
זאָל פון זיי זיך אויסצאַפּן — קלערנדיק —
ווי אַזוי פון מאָסיע גערטנערס איינפאָרהויז
זאָל ער זיך אויף אַ דיליזשאַן אַרויפכאַפּן.

אַרום ווייס אויסגעקאַלעכטן שאָסיי
ציען זיך ווייכגראָזיקע קאַנאַווע־שניטן,
און אַלע מאָל אין פרילינג צייט וואַקסן־אָן
פילקאָלירנדיקע בלימעלעך אין זייער מיטן.
זומער־צייט פּאַשען זיך היימישע טעלעצעס
און ציגן,
געגנדז און קאַטשקעס טרינקען די נאַסע ראָסע
און עסן די גאָלדענע פליגן.

מאַסיע גערטנערס איינפאַרהויז איז גרויס
און טומלדיק, און אַ דרייצן־יאָריק יינגל
קאָן זיך דאָרט גרינג פאַרלירן,
זאָגט אים שיינדל אַלע פאַרנאַכט, ווען זיי
גייען אַרויף צום שאָסיי הענט אין הענט
איינגעקניפּט,
מיט פינגער איינגעבונדן,
און אויגן צעעפנט, און פאַרטראַכט
צו קיעוו, צו זשיטאָמיר.

אָ, יאָרן מיינע יאָרן,
ס׳איז שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג,
אַז קאַראַסטישעוו אונדזביידן האָט פאַרלאָרן.
שיינדל איז שוין אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ —
אין קיעווער ערד איז זי באַגראָבן,
און אַן אַלט־גרויער מאַן איז אין אַמעריקע —
נאָך דאָ,
און ס׳חלומט זיך אים יענער פאַרנאַכט —
און יענע שעה, וואָס איז אויף דער וועלט —
שוין אויך מער ניטאָ,
נאָר זייער רעוועלאַציע איז מיט אים
לעבן געבליבן.

.7

און אַז אין אַמעריקע
גייען אום טעג ווי דערשראָקענע שאָף
אין אויסברוך פון אַ שטורעם,
זוכן דעם פּאַסטעך, דעם היטער,
און וויינען שטומע אין פאַרשטיקטן צער —
וועקט זיך אויף דאָס קאַראַסטישעווער יינגל
אין דעם איצט אַמעריקאַנער אַלטן מאַן,

און דורך פֿאַרוואָלקנטע אויגן
און פֿאַרטשאַדעטן געדאַנק ברעכט זיך דורך
אַ צעכוואַליעטער און גרין־גאָלדענער
שווימענדיקער טייך.
יינגל איז ווי פֿון אַ פֿאַווע אַ פֿאַרלאָרענער
פֿעדער.
לבֿנה און שטערן, זון־פֿאַרגאַנג, און
קאַרש־צוויטן, עפּל־ און באַרן־ביימער —
אין יונגע בליטן.
אַלץ ווערט איינגעשלונגען דעמאָלט —
אין קרייזנפֿעלדס דיליזשאַן לויפֿנדיקע
רעדער.
דער באַסקאַטש מיט די שווערע ביימער
האָט זיך מיטן פּנים צו קאַראַסטישעוו אויסגעדרייט,
און דער אויסגעחלומטער פֿאַנטאַסטישער זשיטאָמיר
אַנטקעגן שטייט.
אַ יאָרן, מיינע יאָרן אויסגעלעבטע, איבערגעלעבטע,
ניט געשטראָפֿט זאָל איך זיין
פֿאַר די צאַרטע דעראינערונגען, צעבראָכענע,
צונויפֿגעקלעפּטע, וואָס גייען מיט אַלטן מאַן
אין אַמעריקע אַרום.
דראָשקעס, פֿאַיעטאָנען, קאַנקעס, קאַרעטן
לויפֿן־אַרום איבער גאַסן איינגעוויקלט
מיט קינסטלעך געניטעוועטע אייזערנע
שטאַכעטן.
שטיבער, הייזער צווייגאָרנדיקע, דרייגאָרנדיקע,
געמויערטע פֿון ציגל און שטיינער
פֿאַרפּוצטע מיט גלעזערנע באַלקאָנען.
און אַקאַציע־ביימער.
און אויב זשיטאָמיר איז שוין באַשערט
אַזאַ גליק,

וועט יינגל קיין קאַראַסטישעוו זיך שוין
ניט אומקערן אַזוי גיך צוריק.
ער וועט אַרומשפּאַנען איבער סקווערן
און בולוואַרן
פון בליצנדיקע פּאַנאַרן.
ער וועט זוכן די רעוואָלוציע אויף אַלע עקן
פון דער גרויס־שטאָט
און זיך צוהערן צו מיסטעריעזן געזאַנג
פון טעלעגראַפן־דראָט.

זיבן לידער

.1

איך בין ניט־יונג
און שוין אַ ביסל אויסגעבויגן,
קוקן קוק איך זיך צו צו אַלץ —
מיט צעעפנטע אויגן.
מײַנע אויגן האָבן מיך קיין מאָל
ניט אָפּגענאַרט, און איך קאָן
זיי גלייבן,
דעם אמת וועלן זיי פֿאַר מיר דערזען
צווישן מיסט און שטויבן.
גיי איך אום אָט אַזוי ווי איך בין
און קוק זיך איין אין לעבן אַרום,
און מיט מײַן האַרץ איך האַלט
אין איין קלייבן,
אָט אַזוינע זאַכן וואָס איך וועל
איצט פֿאַרשרייבן.
און אויב ס׳וועט ווערט זײַן,
זאָל עס מײַן ירושה בלייבן.

.2

אַ גאַנצע נאַכט דער הימל
קאָן ניט אײַנשלאָפֿן,
אומרו האָט אײַנגעקרעמפּט זיך
אין זײַן לייב,
זײַן שײנעם קאָפּ זײַן וואונדערלעכן,
קלוגן,
שרעקנדיקע געדאַנקען האָבן אײַנגעקלעמט.
גוטער מאָרגן, לעבעדיקער אָנקומענדיקער טאָג,
גיב דעם הימל אָפּ זײַן וועג —

דעם קלאָרן,
ער זאָל אַ רואיקער אונז אָפּגעבן
זיין געבענטשטע גאָב.

.3
ביימער האָבן פון זיך די בלעטער
אַראָפּגעוואָרפן,
און איצט שטייען זיי אַזוי נאַקעט
און הויל,
איז וויפל חדשים וועט ווינטער זיין,
און וויפל פאַרדרוסן און האָפענונגען
וועלן אין זייערע הערצער פאַרגיין?
אָ, טייערער זומער, אָ, וואונדערלעכער
האַרציקער האַרבסט,
אַ מענטש זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן
צו די נאַקעטע בוימער גלייכט.

.4
גאַנץ פרי איז אַריינגעגאַנגען אין מיין גאַס
און גלייך פאַרטשעפּעט זיך מיט לעבעדיקן מאָרגן.
אַלע שיינע חלומות וואָס די נאַכט האָט אויסגעטראַכט,
אַלע גוטע באַשלוסן וואָס מענטשן האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט,
האָבן אין גאַנץ פריס אויגן אַריינגעלאַכט.
אָ, טייערע מענטשן, מיינע ליבע ברידער,
אין די פענצטער פון מיין דירה אויפן צוועלפטן שטאָק,
זון־אויפגאַנג
זינגט ערלעכע לידער.

.5
אַזוי פיל יאָרן,
אַזוי פיל זיבן־טאָגעדיקע וואָכן,

אַ מענטש גייט־אום און פירט מיט זיך
זיין יום־טוב און זיינע מיענדיקע יאָרן.
אַ מענטש נעמט־אויף זיין טרויער און זיין פרייד,
חלומט־אויס חלומות און לערנט אויס
זיך איינצורײדן רייד.
אַ מענטש וועגט ניט אָפּ, און מעסט ניט אויס,
וואו עס הויבט זיך אָן זיין גליק, און וואו
עס לאָזט זיך אויס.
אַ מענטש גיט זיין לעבן דעם אימפּעט
פון זיין אייגענעם גרויס.

6.

וועלט איז הימל,
וועלט איז ערד,
וועלט איז ים,
וועלט איז אַ פרוכט מיט זיס־ביטערן טעם,
וועלט איז איך,
מיט זון מיר אַנטקעגן,
וועלט איז מענטש מיט פרייד און לייד,
וואָס שטראָמט און פּולסירט, און ווערט ניט
אַנטשוויגן.
וועלט איז דער צוגאַנג,
וועלט איז דער אָפּגאַנג,
וועלט ווערט יעדן טאָג ווידער געבוירן,
וועלט איז אַנהאַלט, וועלט איז לעבן,
וועלט איז גלויבן.

7.

טאָג האָט מיר געגעבן
אַ וואונדערלעכן פידל איך זאָל
אויסשפּילן אויף אים מעלאָדיעס פון

גוטסקייט און ליבע.
וועל איך פאַרגעבן אַלע די וואָס זיינען טויב
און קאָנען מיינע טענער ניט הערן,
זיך אָפּקערן פון די מיט פאַלשע הערצער —
וואָס גוטפריינדשאַפט מיר שווערן.
נאָכט האָט מיר געגעבן
אַן אויסגעשניצטן זילבערנעם פּלייט —
איך זאָל אויף אים אויסצערטלען
די דינסטע, אינטימסטע געפילן,
וועל איך ניט קלאָגן זיך אויף די,
וואָס זיינען שטום, און קאָנען מיר
קיין ענטפער ניט געבן,
זיך ניט שרעקן פאַר די וואָס שיטן
פּעק מיט פּוסטע רייד —
און לעבן מיט מיין ליבע, מיט מיין פּיין,
און מיט מיין פרייד.

פיר לידער

.1

מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז די וועלט איז שלעכט,
און מיינע אויגן זעען אויפֿן הימל אַזאַ טייערע זון
אויסגעשטעלט,
איז ווי קאָן איך אָננעמען וואָס איז זע, און וואָס
איך באַנעם.
איז ווי קאָן איך אָפּטיילן מיין פֿרייד פֿון
ביטערן קלעם.
אַ מענטש בין איך, און דאָס לעבן מיינס איז
אַזאַ וואונדערלעך אָפּשטאַם,
און יעדע שעה און יעדע מינוט ווערט געצייכנט,
און אָפּגעמאָלן, און איינגעפּאַסט ווי אַ קונסטווערק
אין אַ ראַם.
איז ווי קאָן איך צונעמען דעם אומקום פֿון
אַן אומשולדיק קליין קינד,
און ווי קאָן איך פֿאַרקוקן און ניט זען אַ דערוואַקסענעמס
באַגאַנגענע זינד.
איך בין אַ מאַן, און האָב ליב דאָס צאַרטע
רעגעניש פֿון פֿרויס בריסט,
איז ווי קאָן איך פֿאַרשווייגן, און פֿאַרגעבן,
אַז הענט ווי מיינע אייגענע פֿאַרוואַנדלען
אַזאַ שיינקייט אין אָפּפֿאַל, אין מיסט?
מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז די וועלט איז שלעכט,
און מיינע אויערן הערן דאָס אָטעמען פֿון
אַ יונגן מאָרגן, וואָס צעוויקלט זיך און העלט.
איז ווי קאָן איך אויפֿנעמען וואָס איך הער,
און וואָס איך פֿיל?

איז ווי קאָן איך זיך אויספּלאָנטערן
פון אַזאַ פאַרפּלאָנטערטער שפּיל?
אַ מענטש בין איך, אַ געשאַנק פון צייט,
און נאַטור,
און יעדער טראָפּן מאַרך, און בלוט וואָס טריפט,
און שטראָמט, לעבט אין מיר,
איז ווי קאָן איך זיצן אונטער אַ בוים
צי ביי אַ טיש אין אַ שטוב,
ווי קאָן איך חשבונען און מעסטן ווי ווייט,
און ווי נאָענט הענט ווי מיינע אייגענע גראָבן
פאַר מיליאָנען מאַמעס און קינדער
אַ טויט־גרוב ?
איך בין אַ מאַן מיט אָנגעלאָדענע באַגערן,
דער קוש און האַנט־דרוק פון ווייב־פרוי איז ווי
אַ צאַרם־בליאונג אָנצורירן.
איז ווי קאָן איך שטעכיקע ווערטער
אונטער צונג דערשטיקן,
ווי קאָן איך האַס און צאָרן, און אַלע
גרויזאַמע קללות ביי זיך אין מויל
דערשטיקן ?
ליבע מיינע, מיין גרויסע ליבע !
לאָמיך אויסשרייען דאָס גרויסע געשריי
פאַר די אַלע, וואָס אַ שלעכטע וועלט
טוט זיי וויי !

.2

האַרבסט האָט זיך פאַרקוקט אויף מיר,
און גלייך פאַרקנייטשט די נאָז:
ווי קומט עס, אַז אַ מענטש וואָס קאָן טראָגן
אויף זיך אַזויפיל אָנגעפּאַקטע יאָרן
זאָל גאָר ניט ווערן שוואַך און מיד ?

אָ, האַרבסט דו, פאַרנומענער מיט אַלע דיינע
פיל קאָלירנדיקע שפּילן,
געדענקסט ניט ווי פאַר אַ יאָרן, פאַר צוויי יאָרן,
און פאַר דריי יאָרן, מיינע אויגן זיינען געווען —
ווי אַ לויטערער שפּיגל,
מיין האַרץ ווי אַ גוט־אָנגעשטעלטער זייגער
האָט אין מיר געשלאָגן,
און מיינע פיס ווי פלינקע הירשן אַרומגעלאָפן
איבער גראָז ?
געדענקסט ניט, אַז יעדער טאָג איז געווען,
גאָר פון די אָנגעלייגטסטע גאָבן,
און לעבנספרייד איז געוואַקסן ווי פּרוכט
אויף בוים ?
געדענקסט ניט, אַז אַלע געבוירענע שעה'ן
האָבן אין האַפּענונגען זיך איבערגעגעבן
אין מיין לעבנסוועג ?
געדענקסט ניט, אַז אַלע מיינע פריינד,
און די ליבעס וואָס איך האָב געשפּילט,
האָבן זיך צו מיר ווי האָניק צוגעקלעפּט,
און זיך אויסגעלעבט אין גאָרער פרייד ?

3.

דער נעכטן איז געשטאָרבן,
און דער מאָרגן איז נאָך ניט געקומען
אויף דער וועלט.
אַלע פיש, אין ימען און אין טייכן
וועלן פון אונדז לאַכן —
אַז מיר ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט אַזאַ
געוויינלעכער זאַך.
לעבן, לעבן, אונדזער לעבן, ווי בוריקעס
און קרויט מיר האָבן צעבראָקט, צעשניטן,

און ניט געקאַנט ווי מיין מאַמע אָפּקאָכן
אַ געשמאַק באָרשטש.
איז ווילט איר, אַז איך זאָל שיינע מעשהלעך
אויסקלערן,
און ביי מיין באָרד און פּיאות זיך שווערן,
אַז אונדזער לעבן איז ווי האָניק זיס?
טראַכט איך איבער, און פאַרקלער זיך ווידער
פאַרוואָס זיינען מיר אַזוי נאַריש, און קלוג —
זיינען די פיש,
גראָזן, און בלעטער, און פאַרשיידנאַרטיקע פלאָראַ
וואַקסן אין דער טיפעניש אין וואַסער,
און קליינע יונגע פיש האָבן די מעגלעכקייט
צו אויסבאַהאַלטן זיך
פון די גייציק־זשעדנע פיש־פרעסער,
און מיר גייען אום איבער
דער גלאַטער אויסגעפּלאַסטערטער ערד,
און שלעפּן די פעטע שווערע פרעסערישע יאָרן,
וואָס טרייבן אונדז.

4.
מיינע טעג דרייען זיך אַרום מיר
ווי גוט־אָנגעאיילטע רעדער,
און מיין קאָפּ פירט־אַרום גאַנצע פּעק,
מיט מיינע אויסגעחלומטע לידער.
אָ, מיין לעבן, אַזוי פיל גוטע זאַכן
איך האָב ביי דיר אָנגעקליבן,
און אַזוי פיל צאַרטע לידער וועגן דיר
איך האָב אָנגעשריבן.
נאָר מיין האַרץ דאַרשט און הונגערט
נאָך פאַר גאָר אַ סך.

פריינדשאַפט

מיין טיש איז ווי אַ שיינע שיסל,
וואָס מיין ווייב גרייט־אָן פאַר מיר
איר געראָטענע געקעכטס,
און אַלע לידער וואָס קאָכן זיך
טיף ביי מיר אין האַרצנס מיטן,
לייגן זיך אויס אויף מיין טיש
געשמאַק, ריין און קלאָר.
אַ, זיסער מאָרגן, פרישער אָנהייב,
האַלט ניט איין דעם אויפגעוואַכטן
אימפעט, זאָל ער פריי אַרומנעמען
דאָס גאַנצע לעבן,
וואָס הענגט איצט אויף די פענצטער
פון מיין שטוב.

יאָרן לאַנג, איך און מיין לעבן,
גוטע פריינד זיינען געווען,
אין איינעם זיינען מיר אויף אַלע
פיר אַרומגעקראָכן,
אין איינעם האָבן מיר די וויקעלעך
צעבראָכן,
אין איינעם זיינען מיר אויף דער ערד
אַרויפגעטראָטן,
און אין איינעם מיר פירן אונדזער
ווילן און געמיטן ביז איצטיקן טאָג
אַרום.
און אַזוי זיינען מיר אין צווייען
דערגאַן צו ניט־אָפּלייקענען, פאַרשטיין,
אַז מיר קאָנען איינער אָן צווייטן זיך

ניט באַגיין,
און דאַרפן אַלע שטערונגען און שווערע
פּרואוון אין אונדזער וועגביישטיין,
און ווי ערנהאַפטער מענטש דאָ
אויף דער ערד אַרומגיין.

מיינע יאָרן זיינען אין גוט פריינדשאַפט
מיט מיר אַרומגעגאַן,
אין איינעם מיר האָבן זיך מיט ליבע,
און מיט פרייד באַקאַנט,
אין איינעם מיר האָבן שיינע שעהען
צו אונדזערע טעג געגעבן,
און דורכגעלעבט מינוטן פון אויפשפּראַצנדיק
יונג ליד.

מיינע יאָרן ערלעך האָבן די חשבונות
פון מיין לעבן געפירט,
ניט פאַרבאָרגן אין צווייפלהאַפטן טראָט
פון מיין גאַנג,
אין איינעם מיר האָבן פאַרזייט, און
אויסגעכאַוועט ריין־אייגנאַרטיקן געזאַנג.

איך האָב היינט מיין טאָג פאַרפּוצט
מיט יונגע פרילינג־צוויטן,
און מיינע אויגן האָבן זיך צעקושט
מיט די צאַרטע ווײנשל־בליטן.
אָ, לעבעדיקע אָפּגעשפּאַרטע יאָרן,
ווי שיין ס'איז אַרומצוגיין מיט אייך
באַגעגענען אַ נייעם פרילינג —
אַ לויטערן, אַ קלאָרן,
ווי שיין ס'איז מיט אויסגעוואַקסענעם

פאַרשטיין
ניט בלאָזן זיך, ניט האָדעווען מיט
ביטערקייט האַרבסטס אָנקומען!

אַ שײנער טאָג, אַ גאָלדענער טאָג,
אַ יונגער טאָג, אַ פרילינג־טאָג,
גייט־אַרום מיט מיר איבער שטאָטישע
גאַסן.
אַ שײנער בוים, אַ גרינער בוים,
אַ לעבן־בליענדיקער בוים קוקט
אויף מיר אָן בייזקייט און אָן
פאַרדרוסן.

און פאַרוואָס בין איך הײַנט
אומעטיק און פאַרקלערט, פאַרוואָס
ווערט מײַן ליד אָן מײַן ווילן
פון זיך אַליין צעשטערט?
שײנע טעג איך האָב צו זיך
פאַרבעטן,
אַרומגעפירט זיך, און זיי באַוויזן
די טײַערסטע לעבנס־אַנטיקן:
צוגעגרייט פאַר זיי פרימאָרגנס
זילבערנע, אויסגעהאַקטע מיט קינסטלערישע
היעראָגליפן.
און אין מיטן העלן טאָג אָנגעבלאָזן
די גאָלדענע זון, ווי אַ לופט־באַלאָן
איז חידושים אָנצוקוקן.
און אַז די נאַכט איז אָנגעגאַן,
כ׳האָב דעם הימל פאַרזייט
מיט מיליאָנען עקזאָטישע שטערן־בליטן.
אָ, די שײנע טעג, אָט יענע טעג

אויף ווילדע פערד זיינען אַוועקגעריטן,
און די געוועטן און די געווינסן
איך האָב ניט אָפּגעשפּאָרט,
נאָר פאַרלוסטן האָב איך געליטן.

איך בין דער דיכטער פון נעכטן
און פון מאָרגן,
איך בין דער מענטש פון היינט.
נעכטן האָב איך געלעבט מיט האָפענונגען
און מיט גלויבן,
מאָרגן וועלן מיר אפשר דערלעבן שלום —
אָן דער הילף פון טויבן.
היינט וויל איך ניט אָפּצאָמען
דעם צאָם פון צייט.
איך בין דער דיכטער וואָס וויל זיך ניט
פאַרמאַסקירן, און פאַרשטעלן, אַלאַרמירן
מיט פויק, און מיט טראָמפּייט, אָנשרעקן
די וועלט:
איך וויל היינט מיט גוטסקייט אין מיין
האַרצן אויפמאָנען רו און פרייד
פאַר מאָרגנדיקן טאָג.
איך בין דער דיכטער וואָס האָט זיך אָנגעגעסן
מיט צער און צאָרן,
אָנגעטרונקען זיך מיט ביטערע
טרערן, פון מיינע שוועסטער־ברידער, מענטש־פאָלק.
מאָרגן וויל איך, אַז אָנקומענדיק לעבן
זאָל ניט טראָגן מיט זיך פּיין און שרעק.
איך בין דער דיכטער פון נעכטן און פון מאָרגן,
איך בין דער מענטש פון היינט.
אַלע וואָס טראָגן וויי און ליידן —
בין איך זייער פריינד.

אַלעקסאַנדער פּושקין
און דער ים

1.

װען מיר האָבן מיטן ים זיך באַקאַנט
זײַנען מיר, איך און מײַן װײַב, געשטאַנען
בײַם אַנלען פֿון שיף און זיך אײַנגעקוקט
אין דעם צו אונדז צוקומענדיקן ים.
די נאַכט איז געװען אַליין װי אַ צעבליטער בױם
אין פֿרילינג,
אַזױפֿיל שטערן אין הימל האָבן געגליט,
און געבליט, און האָבן אונדזערע אױגן
גרױס פֿרײד געגעבן.
איז דאַן דער ים שױן לעם אונדז געװען,
און האָט זיך אַזױ העפֿלעך פֿאַרנײַגט,
און מיט אַ באַצױבערט לשון אונדז דערצײלט
װי ליב איז אים מיט לעבעדיקע מענטשן
זיך באַגריסן.
פֿון יענער נאַכט אָן — אַכט אין צאָל — דער ים
און מיר װאונדערלעכע זאַכן האָבן
אין אײנעם געטאָן
צו דערפֿירן אונדזער שיף צו אַ גליקלעכן
ציל

2.

אַלע טאָג, פֿון פֿריען פֿאַרטאָג,
דער הימל גײט דעם ים אַנטקעגן,
און אַז די כװאַליעס דערזעען אים,
װערן זײ גלײַך אַנטשװיגן.
אַלע טאָג, װען פֿאַרנאַכט קומט־אָן, װערט דער ים

טרויעריק און דערשלאָגן.
פינצטערע נאַכט, טאָגס אויגן פאַרמאַכט,
און שטורעם־כוואַליעס הויבן־אָן זיך יאָגן.

3.

דער ים איז ניט קיין וואַלד,
און אויך ניט קיין פּרעירי.
דער ים איז ווי אַ סטאַדע ווילדע פערד,
צעבושעוועט פאַר שיינקייט און גאווה.
אויף מאָרגן איז אויפגעגאַן די זון,
און אויפגעהאַנגען דעם הימל,
ווי אַ קרישטאַל־געשליפענעם שפּיגל —
איז אַלץ געוואָרן גוט און שיין, און אויגן
האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט קלאָרן ווייַן —
ווי אין צייטיק־געוואָרענע טרויבן.
און אַלעקסאַנדער פּושקין, דער רוסישער פּאָעט,
וויל גאָר אַלט ניט ווערן.
העכער הונדערט יאָר צוריק האָט ער גערעדט,
און געשריבן זיינע לעבעדיקע לידער,
איצט שווימט זיין נאָמען אין אַ שיף,
וואָס וועט מיט מיר, אַ יידישן פּאָעט,
קיין רוסלאַנד, זיין היים, אָנקומען.

4.

יעדער טאָג, אַכט נאָך אַנאַנד,
„אַלעקסאַנדער פּושקין" גיט אָפּ זיינע געסט
אַ ווייטע, ברייטע ימיקע וועלט,
און צו דער זון זיין רויטע פאָן
איז אויסגעשטעלט.
גייט אַרום אַזוי פיל פרייד
צווישן מענטשנס אויגן־בליקן אויף שיף־דעקן.

יעדער איינער מיט יעדן איינעם
האָבן זיך אַזוי גרינג באַקענט,
און דער טיף ברויזנדיקער ים
איז פֿאַר אַלעמען אַ נאָענטער באַגריסער.

.5

פֿאַרנאַכט האָט זיך די לבנה אָװעקגעשטעלט
און פֿאַרװיקלט דעם ים אין אַ זילבערנעם שאָטן.
דאָס פֿראַנצױזיש יינגעלע, װאָס באָדט זיך
אין גרויסן בלוי־קאַכל שווים־שאַל,
איז איצט אין גאַנצן אין דער לבנה געראָטן.
מאַמעס איילן זיך און כאַפּן אַרויס קינדער
פֿון קאַכל־שאַל אַזוי ווי ס׳האָט גאַנץ פֿרי דער מאַטראָס
פֿון ים אַרויס געכאַפּט די פֿיש אויף זיין
שטאָלענעם האָקל.

.6

נעכט גייען־אום אויף ים
ווי אומרואיקע שאָף, וואָס זוכן אין פֿעלד
פּאַשע. און ביי מיר, מענטש־הארץ איז אָנגעפּאַקט
ביזן האַלדז מיט פֿראַגן:
ווי אַזוי, ווי אַזוי, ווי עס האָט אַמאָל
געפֿרעגט אין הייליקן חומש רש״י,
און פֿון ווייטן פֿאַרבאַרגענעם ווייט
ס׳הערט זיך פֿון אַ שיף אַ שאַל,
אַ רוף פֿון פריינדלעכער באַגריסונג.
„אַלעקסאַנדער פּושקין״ ענטפֿערט אָפּ
מיט זיין רוסישן פריילעכן קול.
אונדז איז גוט — מיר זיינען לעבעדיק
און שטיפעריש.

.7
איך האָב געזוכט אויף ים
מיין שאָטן,
מיין שאָטן, וואָס האָט זיך געשפּרייט
אויף דער ערד, וואו איך בין לאַנגע יאָרן
אַרומגעגאַנגען.
האָב איך געמעגט וויסן, אַז דער ים איז ניט
קיין בוטל מיט זיס־זויערן וויין,
און קאָן אַ מענטשן איינלייגן שלאָפן.
דער ים איז ניט קיינעמס לאַנד,
און ניט נאַציאָנאַל־שאָוויניסטיש, אָנגעזאָטלט.
אָט זיינען מיר אויף „אַלעקסאַנדער פּושקין"
פון לענדער פאַרשיידן־שפּראַכיקע
איצט פאַראַן,
און מיר וואַרעמען פילקאָלירנדיקע גלידער
אין זיסן טעם,
ווי אייגענע איין־משפּחהדיקע שוועסטער
און ברידער.

ה

בלאַק־איילאַנד

1.

אַלע פרימאָרגן פאַרקוקט זיך דער הימל
אויף וואונדער וואָס ביינאַכט איז געשען,
ווייסע שטיבער מיט גאָלדענע שויבן,
ווי זיי וואָלטן פון ים זיך אַרויסגעהויבן,
באַקליידן די ערד אונטער זיך,
און דער ים אַליין ווי אַ קעמל
מיט אויסגעבויגענעם רוקן, פירט די ברעגן
אַוועק טיף אין זיך.

2.

דער ים און דער הימל
פירן דאָ ניט קיין קריגן,
לעבן אַזוי שיין —
ווי ס'וואָלט אויף דער וועלט קיין שלעכטס
ניט געווען.
אַלע אויפגאַנגען פון נייעם מאָרגן
די זאַמד־ברעגן גיבן־אָפּ אַלץ
וואָס אין ים־טיף ס'ליגט פאַרבאָרגן
און דערפרייט דאָס האַרץ פון אַ פּאָעט
אַ ייד.

3.

אין זאַמד ביים ים איך האָב אָנגעקליבן
אַזויפיל שטיינער־אַנטיקן, פון וואָסער־כוואַליעס
געשניצט און אויסגעשליפן.
און מענטשן האָב איך דערזען, פון גאַנצן לאַנד
אהער אַנגעלאָפן. יידן פון מיין אייגענעם שטאָם —

איך האָב דאָ אויך געטראָפן.
און די זון מיט קיינעם האָט זיך —
ניט געשעמט.
אָ, לעבן, ווי אַזוי זאָל איך אויסטרינקען
דעם פולן בעכער
און ניט פאַרשיכורט ווערן פון דיין
זיס־ביטערן טעם.
און אַלע מאָל —
די טעג ווערן שיטערער און צעלעכערט,
און אַלע מאָל די נעכט אומרואיקע שלאָפן
אַזוי גיך ניט איין,
אָ, לעבן, ווי אַזוי זאָל איך מיין האַרץ
פאַרוויגן און פאַרמאַכן, און ווי
אַ געשטאָרבענער בלייבן אַ פרעמדער
און אַליין.
און אַלע מאָל די פאַרלאַנגען
ווערן גרעסער, און די באַגערן צאַמען
זיך ניט איין,
אָ, לעבן, ווי אַזוי זאָל איך, מענטש,
זיך קאָנען איבערמאַכן
און אָפּטיילן פרייד
פון פיין?

דעם וועג זײ פֿאַרשפּאַרן

ס'גײען אַרום איבער דער וועלט
אַזױפֿיל קרענק
און לאָזן אונדזערע אױערן זיך ניט
אײנצושטילן.
אָט גיבן זײ אונדז אָפּ פּאָר קלײן־געלט —
די לבנה, מיט איר זיך אַרומצושפּילן,
אָט שטעלן זײ זיך פֿאַר אונדז פֿאָר —
אַז זײ זײנען די אָפּזוכער פֿון הימל,
און אַז די ערד האָבן זײ אונדז געבראַכט
װי אַ פֿרײנדלעכע מתנה.
אָ, יונגע מענטשן פֿון מײן צײט,
לאָזט זיך ניט פֿאַרנאַרן
פֿון די װיסטע קרענק װאָס גײען אום
איבער דער וועלט, איר מוזט זײ
דעם וועג פֿאַרשפּאַרן.

לידער

איך וויל פֿאַרשרײַבן אין אַ ביכל,
איך וויל פֿאַרשרײַבן אויף אַ בלעטל,
איך וויל פֿאַרשרײַבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר
מײַן אומהיימלעכן ציטער וואָס וואַקסט־אָן
איצט אין מיר.
איך האָב אין מײַנע טעג, אין מײַנע יאָרן,
אין פֿרילינגן, אין זומערן, אין מײַן לעבן,
אָנגעקליבן פּערל פֿון גוט־מענטשנס אויגן־בליק,
איך האָב אײַנגעקאַסירט מיט גאָלד־צו־וועגן
אמת־ערלעכע פֿרייד.
איך האָב זיך פֿאַראַנקערט און ניט
ווי אַ ווערטלאָז שפּענדל
געלאָזט זיך שווימען אָן אַ ציל.
איך האָב זיך אָנגעוואַרעמט מיט ליבע —
פֿון בוים און צוויטן,
איך האָב זיך אָנגעקערט מיט גרין־
שפּראָצנדיק גראָז.

* * *

טעג זײַנען געגאַן,
וואָכן זײַנען פֿאַרגאַנגען,
און אַזוי איז אַ יאָר אַוועקגעגאַנגען.
אַלע יאָרן פֿון מענטש לעבן ווי אַ בוים:
וואַקסט, בליט, קליידט זיך אָן אין צוויט,
און אין גוט־צײַט פֿרוכטן גיט.
פֿרילינג, אין יעדן אָבער אַ ליד פֿון לעבן זינגט.
זומער געבורט־ווייען אין טיפֿע פֿריידן קלינגט.
האַרבסט, קלוגן זאַכלעכן חשבון פֿירט.

ווינטער, שלומדיקן ערלער־פאַרדינטן —
ער זוכט.
טעג זיינען געגאַן,
וואָכן זיינען פאַרגאַנגען,
און אַזוי איז אויך דאָס יאָר
נײַנצן הונדערט דריי־און־זיבעציק
אויך אוועקגעגאַנגען,
און איך, דער מענטש, בין אין
אַט דעם יאָר אַרומגעגאַן, און מיין לעבן
האָט זיך אָפּגעשפּיגלט —
אין זיין שיין.

* * *

אַלע יאָרן גייען דורך לאַנגע וועגן,
אַלע יאָרן טראָגן שווערע יאָכן אויף זייערע טעג,
אַלע יאָרן — אין זייער לעבן פיל געשעענישן זיינען
זיך פאַרלאָפן,
אַלע יאָרן האָבן זיך מיט פרייד, און מיט צער
אָנגעטראָפן.
אַלע יאָרן — ווינטן, שנייען, רעגנס, זאַווערוכעס
אויף ערד זיינען אַזוי געקראַכן,
און אַזוי דער אָנהייב פון אַלע יאָרן —
הייבט זיך אָן.
איצט איז נײַנצן הונדערט פיר און זיבעציק,
ערשטער טאָג — און איך, מענטש,
אַ גוט יום־טוב צו אייך איך זאָג, און וויל
ווינטשן אַז די ליבע, וואָס אין מיין הארצן
איך פאַרמאָג, איך זאָל אין פריידן
אוועקגעבן זיין יעדן ניי־אָנקומענדיקן טאָג.

* * *

פוןביימער בלעטער פאַלן,
און פון זומער די שיינע טעג גייען אַוועק,
הימל אומעטיק צו דער ערד טוט זיך נייגן,
און מיט ביטערע טרערן אַנגעגאָסן האָבן זיך
די אויגן ביי מיר.
אַ, האַרבסט ניינצן הונדערט זיבעציק דריי,
אַזוי פיל ווינטערן, פרילינגען און זומערן
דורך אונדזער לעבן גייען פאַרביי,
און אַלע מאָל טיף־האַרציקע בענקשאַפט
וואַקסט־אָן אויפסניי.
מיט מיר צווישן ביימער אין האַרבסט
גייט דער הימל אַרום אַ דערשראָקענער
און היט זיינע פוסטריט,
איך ווי דער הונגעריקער וועוועריק זוך
דעם זומער צווישן פאַרחלשטע בלעטער,
ווי ער זיינע פאַרגראָבענע ניס.
אַ, ליידיקע ביימער, אָן בלעטער ציטערדיקע
צווייגן,
וואָס קאָן איך אייך פון זיך דערציילן,
אַז מיינע אייגענע טעג, ווי דער
פאַרוואָלקנטער דערשראָקענער הימל,
לויפן פון מיר אַוועק.

מײ־געזאַנגען

.1

ס'שטעלן זיך איצט אײן אַזוינע טעג,
וואָס קאָנען מענטשן גרויס פאַרגעניגן געבן.
הײבן הײבט זיך אָן דער מאָרגן־פרי ווי אַ צעשפרײט
טוך
אין גינגאָלדענע געוועבן.
און נאָך דעם גײט אַרויס די זון און נעמט זיך שפּילן
אויף אַ בריליאַנטענער טרובע.
נעמען אַלערלײ פײגל זיך אײנהערן,
און, אין אַ צעזונגענעם כאָר צום לעבן, זײער ליבע
דערקלערן.
אָ, מענטשן טײערע, מענטשן פאַרנאַרטע און
אָפּגענאַרטע,
וואָס וויל איך אײך אין פרײַנדשאַפט זאָגן?
מײן האַרץ, ווי אַ צײטיק געוואָרענער קאַוועז,
מיט זיסן זאַפט איז אָנגעלאָדן.

.2

בײמער און גראָזן, ס'האָט אַ גאָסרעגן אויסגעוואַשן
און אויסגעבאָדן.
בלומען און צוויטן זײנען ווי פון אַ געטרײער
מאַמעס האַנט אויסגעקעמט און אויסגעצוואָגן.
און די ערד איז אויפגערוימט ווי אַן ערב יום־טובדיקע
שטוב, וואָס וואַרט אַז אָנגעלײגטע געסט
זאָלן קומען און מיט פרײד זיך קוויקן.
אָ, טײערע מענטשן, מענטשן פאַריאָגטע פון אַלע
זאָרגן,

וואָס וויל איך אייך אין פריינדשאַפט זאָגן?
מיינע אויגן גרויסע שיינקייטן איצט פאַרמאָגן.

3.

האָט דער הימל זיך אַזוי פאַרליבט,
פאַרליבט זיך אין דיביימער און אין די גראָזן,
שיינע געשאַנקען האָט ער זיי געשענקט,
און אַ פייערלעכן יום־טוב צוגעגרייט.
אַלץ וואָס אָטעמט און לעבט צו פרייען זיך
האָט ער פאַרבעטן.
אָ, טייערע מענטשן, מענטשן דערשראָקענע,
פאַרהאָרעוועטע, מידע,
וואָס וויל איך אייך אין פריינדשאַפט זאָגן?
דער שטאַרקסטער ווילן, וואָס לעבט איצט אין מיר,
איז פון אייך די זאָרגן צו פאַריאָגן.

4.

די ערד אין רייך קאָלירטן אויסגעוועבטן טעפּער
האָט זיך איינגעוויקלט,
האָבן ביימער פאַרגאַפטע מיט גרויס נייגער
זיך גענומען צוקוקן צו אייך.
אינזעקטן, זשוקעס, מוראַשקעס און גאָלדענע פליגן
פאַרקליבן האָבן זיך צו באַוואונדערן.
אָ, מענטשן, טייערע מענטשן, פאַראומערטע פון
שרעקן,
וואָס וויל איך אייך אין פריינדשאַפט זאָגן?
ערדס נאַאיוו־אָרנטלעך ריינע גאָבן,
איך וויל אין זילבערנע פאַרנאַכטן
און אין בורשטינענע פאַרטאָגן, אייך אַ געשאַנק
צוטראָגן.

הײנטצײַטיקע לידער

איך האָב הײַנט אױפֿגעגעסן אַ טעלער
איטאַליעניש־ע לאָקשן
און אין אַרגענטינע האָט מען הײַנט געקװילעט
עטלעכע צענדליק פֿעטע אָקסן.
פֿעטע אָקסן שטעלן־צו אַ װעלט מיט
געשמאַקע פֿלײש,
און בײַ געזונטע מענטשן דער אַפּעטיט
איז זײער גרױס.
האָבן הענדלער, קצבים געהאַקט
און געבראָקט,
און װי קינסטלער־סקולפּטאָרן געשניטן, און
געטאַקט, פֿלאַכן און ראַנדן אין אַלע
פֿאָרמאַטן,
אַז געברױכערס פֿאַרלאַנג זאָל זיך
אױפֿװעקן.
איך האָב הײַנט אױסגעטרונקען אַ הײסע
גלאָז טײ,
און אין צײלאָן, אין אינדיע, הונדערטער
הענט און רוקנס, פֿון בײגן זיך און דרײען זיך,
טוען הײַנט װײ.
מענטשנס װײטיק — די זאַטע און געזונטע
גײט זײער װײניק אָן,
אַבי נאָר דער געשמאַקער טעם זאָל זיך
לאַשטשען צו ליפּן און צאָן,
זײַנען הענדלער, פֿאַרקױפֿער איבער שטעט
אַרומגעפֿאָרן, ניט דערלאָזן אַז דער
געברױך פֿון טײ זאָל
גײן פֿאַרלאָרן.

איך האָב היינט מיינע הענט געוואַשן
מיט גאָר אַ טייערער זייף,
און אין סאַנטיאַגאָ, טשילע, האָבן „ערלעכע" לייט
דערקלערט, אַז אַ פּאָלקס פריי, אומבאַהערשט לעבן,
איז אומגעזעצלעך און טרייף.
און דערפאַר האָבן זיי באָמבעס און האַרמאַטן־
קוילן אויף הייזער און צעשראָקענע מענטשן
געוואָרפן און צעווייעט,
און אויף סאַנטיאַגאָ־גאַסן זיי האָבן
טויט פאַרזייט.

פֿאַר אַלע טעג

פֿאַר אַלע טעג פֿאַר מײַנע
איך צאָל מיט מײַן מאַרך און מיט מײַן בלוט,
פֿאַר אַלע שעהען וואָס איך האָב פֿאַרלוירן
אין מײַן לעבן.
קײנער האָט זײ ניט צוגערעכנט צו זײערן
אַ פֿאַרלוסט.
בין איך איצט קײנעם גאָרניט שולדיק,
און קײנער קער מיט מײַנע װײטיקן
און פֿאַרלוסטן זיך גאָרניט אָן.
איך בין אַ מענטש װאָס טוט טראָגן ליבע, גוטסקײט,
האָס און צאָרן — אַלע פּשוטע זאַכן — װאָס לעבעדיקע
מענטשן גײט אָן.
אָט האָב איך זיך הײַנט ערשט פֿון געלעגער
אױפֿגעהױבן און דורך די פֿענצטער פֿון מײַן הײם
איך האָב דערזען דעם הימל אין שװאַרצן
אָנדעק באַצױגן,
און אַ טרױעריק־פֿאַרדריסלעכער געפֿיל
אין מײַן האַרצן האָט זיך גענומען קלױבן,
פֿאַרװאָס איז װעלט אַזױ אײַנגעקלעמט,
װי טױט־פֿאַרהאַרטעװעטער שטײן?
פֿאַרװאָס איז דאָס לאַנד, װעמען איך האָב
מײַנע אױסגעװאַקסענע יאָרן אָפּגעגעבן,
פֿאַר װעמען איך האָב אַזױפֿיל לירישע לידער
געזונגען,
פֿאַר װעמען איך װאָלט די טײַערע װערטער פֿון
דזשעפֿערסאָן, לינקאָלן און װהיטמאַן, פֿאַר
זעק מיט גאָלד ניט פֿאַרדונגען, —
פֿאַרװאָס ליגט דער נאָמען פֿון דעם לאַנד איצט

מיר ביטער אויפן צונג?
פאַרוואָס האָט היינט די זון ניט געוואָלט
איר ליבע מיר דערקלערן?
פאַרוואָס האָבן היינט אַזוינע שרעקנדיקע
געדאַנקען, מיינע טריט געגומען שטערן?
איז עס וויעטנאַם, איז עס קאַמבאָדיע, איז עס
ירושלים, איז עס אַמאַליקע מצרים, איז עס
וואַשינגטאָן, איז עס מאָסקווע, פעקינג, סאַנטיאַגאָ,
לאָנדאָן, פּאַריז?
איז עס דער טויט פון איענדע, זיין אומקום
וועט אפשר זיין טשילעס שענסטע לעגענדע.
איז עס פּאַבלאָ נערודאָס שטאַרבן?
דער טשילענער וועלט־פּאָעט, זיין ליבע,
זיין טרייסט, זיין גוטסקייט, זיין האַס, און
צאָרנדיקע רייד וואָס האָבן אַזוי פרוכטבאַר
פון זיין מענטשלעך האַרץ דער וועלט דערציילט?
ער איז קיינעם גאָרניט שולדיק געבליבן.
איז עס פּאַבלאָ פּיקאַסאָס אַוועקגיין פון
דער וועלט, אַזוי ניט־גערן, אַזוי ניט גרייט,
און אַלע שיינקייטן וואָס ער האָט אויף לייוונטן
צעשפּרייט, און אַלע קלוגע און וואונדערלעכע איינפאַלן,
וואָס ער האָט אין האָלץ, אין קופּער, אין ליים,
אין שטיין אַריינגעלייגט —
אַ קאָלאָסאַלער מאָנומענט אין אייביקייט,
ער שטייט, ער איז קיינעם גאָרניט שולדיק געבליבן.
איז עס פּאַבלאָ קאַסאַלס, ווי שיינער זון־פאַרגאַנג,
וואָס האָט ניט איבערגעלעבט זיין טשעלאָס
לירישן געזאַנג?
ער אויך איז קיינעם גאָרניט שולדיק געבליבן.

פאַר אַלע מיינע טעג,

איך צאָל מיט מיין מאַרך און מיט מיין בלוט.
פאַר אַלע שעהען, וואָס איך האָב פאַרלוירן —
קיינער האָט זיי ניט צוגערעכנט צו זייערן
אַ פאַרלוסט.
בין איך איצט אויך קיינעם גאָרניט
שולדיק.

לידער און צייכנס

1.

ניט דער בוים האָט פֿאַרליבט זיך
אין מיין היטל.
אַך דו, מיידל שיינע, דו ביסט דאָך אויסגעוואַקסן
ווי אַ בוים.
איך געדענק אַ ווינטער: אין אַ שליטן
צוגעטוליעט איך בין געזעסן צו אַ מיידל
פֿול מיט חן,
און דער שניי איז געלעגן אויף די אוקראַינער פֿעלדער
בליענדיק־ריין.
טעג, אַזוי פֿיל טעג מיט יאָרן איינגענאַרעט,
איינגעפּאַקט,
אַ מענטש דאָס גאַנצע לעבן האָט מיט זיך
אַרומגעטראָגן,
וועט ער איצט קיין ליגן ניט זאָגן,
אַז די וועלט איז זיין פֿריינד געווען.

2.

צווישן מיין אָפּגעשפּאַרט פֿאַרמעגן
אַ פֿרייד, אַ צאַרט־לויטערע, איז געבליבן,
געבליבן פֿון יענע יונגע יאָרן, ווען ליבע
ווי צוויטן אויף ביימער ערשט־געבוירן.
און נעם איך נאָר אויפֿפּאַקן די פּאַקן,
און נעם איך נאָר אויפֿקניפּן די קנופּן,
אַ, טייערער טאָג מיינער, אַז איך זאָל אָנהייבן
דערציילן דיר פֿון די אימפּעטיקע, שפּרודלדיקע גליקן,
וואָס האָבן געשטראַמט אין מיר,
וועט זיך צעפֿלאַנטערן אַ גין־גאָלדענע שנור.

.3

פון יעדן טאָג פון מיינעם
איך שנייד־אָפּ אַ קערנדיקן צווייג,
און מיט אויסגערעכנטן ווילן אין מאָרגנדיקן
טאָג פאַרפלאַנץ,
ווי באַזאָכטער פויער אין זיכערן גאַנג
פאַרזייט אין פעלד
ברויט־געבנדיקן זאַנג.

.4

וועלכער מענטש האָט ניט ליב
ציילן אין הימל די שטערן?
וועלכער מענטש האָט ניט קיין באַגער
אויף דער ערד אַרומגיין
אין פרייד און אין פרידן?
און וועלכן מענטש איז ניט ליב
אויף דער וועלט צו לעבן?
נאָר שלעכטע מענטשן ווייסן ניט —
ווי שיין ס׳איז אַ צווייטן
פרייד צו געבן.

.5

שיינע טעג האָבן ליב צו זען יונגע מיידלעך,
און וואָס קאָן איך טאָן, אַז איך בין שוין אַריינגעגאַן
אין לאַנגע, לאַנגע יאָרן,
אָבער פאַרט, וויל איך מיט שיינקייטן זיך פאָרן.
אָ, פּאָעטן, איר קלוגע מיינע ברידער,
איר ווייסט דאָך אַזוי פיל, און קענט אויף אַלערליי כלים
שפּילן.
לערנט מיך, ווי איך זאָל פון גלייכן וועג
זיך ניט אַראָפּפירן.

.6

איך האָב אַזויפיל יאָרן אָנגעקליבן,
נאָר אין אַלמאַנאַכן איך האָב זיי ניט
פאַרשריבן.
איך האָב ניט געציילט און ניט געמאָסטן,
וואָס עס זיינען געווען זייערע פאַרדינסטן,
און וואָס עס זיינען געווען זייערע קאָסטן.
איך האָב זיי נאָר מיט זיך אַרומגעטראָגן,
און שלעכט ווענן זיי האָב איך ניט געטראַכט,
און זיי מיר קיין שטערונגען האָבן אויך ניט געמאַכט.
האָבן מיר אינאיינעם געלעבט ביז היינטיקן טאָג,
און אויפסניי אַ נייעם „גוט מאָרגן" —
צו מיינע יאָרן איך זאָג.

.7

אַלע מאָל אַז דער פרילינג קומט,
שטעלט די זון זיך אַוועק אין דערמיטן,
און די ערד דערזעט מיט פרייד
ווי ביימער פוצן זיך אויס אין צוויטן.
אַלע מאָל אַז דער פרילינג איז שוין דאָ,
איז פאַר דער ערד קיין זאָרגן מער ניטאָ:
דער הימל טראָגט פאַר איר וואַרעמקייט
און רו,
און שענער ווערט איר לעבן
פון שעה צו שעה.
פרילינג יונגער, פרילינג היינטיקער,
אַט אַצינדער בעט איך דיך,
ברענג דער וועלט אַ גלייכן וואונדער.

.8

היינט האָט פרימאָרגן מיך אָנגערופן
ביי מיין ערשטן נאָמען,
און גלייך מיר צוגעזאָגט אַ זאַק מיט
גאָלדענע גליקן, אויב נאָר איך וועל זיך איינהערן
צו ערשט־געבוירן פרילינג־ליד,
ווייל איך איצט דער גאַנצער וועלט זאָגן,
אַז יונגן פרילינג האָב איך זייער ליב.

.9

אַ פידל שפּילט ביי מיר אין האַרצן,
און אַ פלייט זינגט אין מיין יעדן גליד.
פרילינג אַזוי פיל פרייד האָט היינט
אָפּגעגעבן דער אויפגעוועקטער ערד.
גיי איך איצט אַרום, און קער זיך אום
צו דרייסיק יאָר,
דרייסיק יאָר צוריק,
ווען פילפעלקערדיקע זין און טעכטער
האָבן מיט האָפערדיקן ווילן אויסגעלייזט
די וועלט צו לעבן אין גליק.

.10

פיס מיינע געטרייע,
געבענטשט זאָלט איר זיין.
לאַנגע, לאַנגע יאָרן
מיט מיין לעבן איבער ערד
איר זענט אַרומגעגאַן.
און אויב דאָס האַרץ האָט זיך גענומען
שאַקלען,
און אויב דער ווילן האָט זיך גענומען
וואַקלען,

איר האָט מיך געקוויקט ווי דער
טייערסטער ווײַן.
אָט בין איך נעכטן צו מײַנע גליקן
אומגעגאַן מיט אײַך איבער גרינע גראָזן
און שטיינערנע פּליטן,
און געטראָגן אין מײַן האַנט
אַ וואָרענונג־פאָן:
מיר ווילן לעבן, מיר ווילן זײַן.

٦

١

איך האָב ליב

ווען איך בין אַ קינד געווען,
האָב איך ליב געהאַט שפּילן זיך
מיט זייפנבלאָזן.
ווען איך בין יונג געווען,
האָב איך ליב געהאַט צו יאָגן זיך
נאָך פייגל און נאָך האָזן.
ווען איך בין עלטער געווען,
האָב איך ליב געהאַט צו גלעטן
און טוליען זיך צו מיידלעך און גרינע גראָזן.
ווען איך בין יונגער מאַן געווען,
האָב איך ליב געהאַט אויף פערד־
און־שליטן אויף פאַרשנייטע וועגן
אַרומפאָרן.
ווען איך בין אין מיטעלע יאָרן געווען,
האָב איך ליב געהאַט גוטסקייט, צאַרטקייט,
פריינדשאַפט, קלייבן און שפּאָרן.
ווען איך בין אין עלטערע יאָרן געווען,
האָב איך ליב געהאַט צו שפּיגלען זיך
אין אַ שפּיגל, אַ לויטערן, אַ קלאָרן.
איצט ווי אַלט איך זאָל ניט זיין,
האָב איך ליב צו טראַכטן אַז מיין לעבן
און מיינע יאָרן אויף פוסטערהייט
זיינען ניט געגאַן פאַרלאָרן.

אַלערליי לידער

אַזאַ וואונדער אין מיין גאָרטן
אַנגעוואַקסן אַן קיינעמס הילף,
איז גוט און שיין דיר אין די אויגן
קוקן, און דאָס אַלץ זען.
גרינע גראָזן פון אַלע שניטן, צאַרטע בלויע בליטן,
אַנגעצילעוועט ווי אויף גאָלדענע דראָטן:
רויטע קיילעכיקע פערל, אויפגעהאָנגען ווי אויף אַ שנירל,
און געלע רויזן, אַנגעשטאָפּטע מיט שוואַרצן מאָן;
קינסטלעריש־אויסגעשניצטע בלעטער,
לאַנגע, ברייטע,
פון קיינעמס הענט ניט פאַרזייטע,
קלעטערן אויף ביימער ביי די העכסטע שפּיצן
און ווילדע ברוינע טרויבן אויף די צווייגן זיצן.

* * *

דער שיינער זומער האָט זיך צוגעקילט,
האָבן זיינע הענט און פיס
גענומען ציטערן,
ליכטיקע אויגן זיינע אין מוטנע טרערן
האָבן זיך אַנגעגאָסן,
און די וואַרעמע זון איז אויף קיין
רפואה ניט אַנצוזען.
טייערער זומער, מיין האַרציקער חבר,
דיין ווייטיק איז מיר אַזוי שווער און גרויס,
איך גיי אַרום צווישן טרוקענע בלעטער
און דאַרע גראָזן, און ברעך מיין האַרץ,
און ברעך מיין קאָפּ: וואָס זאָל איך פאַר
דיר טאָן?

וואָס זאָל איך פֿאַר דיר טאָן?
אַז מיינע אייגענע אַנגעשוואָלענע
האַרבסט־טעג האָבן זיך צוגעקלעפּט
צו מיינע יאָרן
און ווילן ניט אָפּטרעטן פֿון מיר.

* * *

טעג שטייען אויף גאַסן,
נעכט ליגן אויף וואַלד און פֿעלד,
אַזוי פֿיל וואונדער פֿאַרן מענטשן
איז אָנגעגרייט, זאָל ער נאָר וויסן
וואָס מיט דעם צו טאָן.
לעבן איז ווי אַ שיינע שפּילקע,
ווי אַ גאָלדענער בראַסלעט
אויף אַ פּרוויס האַלדז און האַנט,
און גוט איז צו זען אַזאַ צאַרט
באַשטאַנד.
אָבער איך וויל איצט גאָר עפּעס
אַנדערש זאָגן.
איך וויל אַ ליכטיקן מאָרגן דער
גאַנצער וועלט צוטראָגן,
און זאָלן פֿרייד און פֿרידן אַרומגיין
אויף דער ערד.

* * *

איך האָב גענומען מיינע אַלטע יאָרן
און אין אַ וואַלד זיך אַריינגעקליבן.
זיץ איך איצט אין דרויסן ביי שטוב־טיר
און אַן אויספּירלעכן חשבון איך אונטערפֿיר.
וואָס האָב איך געטאָן מיט אַלע מיינע

פריעריקע יאָרן?
וואָס האָב איך פון זיי אָפּגעהיט
און וואָס האָב איך פאַרלאָרן?
יונגערהייט האָב איך געקלערט, אַז מענטש
איז דאָס שענסטע פון נאַטורס גאָבן,
איצט זיצנדיק צווישן אָפּענעם וואונדער
קאָן איך דאָס שוין מער ניט זאָגן.

* * *

איז אַזוי האָט זיך מיין חלום
פאַרשפּעטיקט,
לאַנג שלעפּט זיך אויף זיג־זאַג־וועגן
פון וואָר.
איצט בין איך שוין ניט אַזוי זיכער,
אַז פּשוט לעבן מיט פאַנטאַסטישן חלום
איז אַ גלייכע פּאָר.
אין יונגע יאָרן, אין פייער־פלאַטער,
יעדע רגע געווען איז ווי אַ זיסע
פלוים,
יעדער אָנקום פון געליבטערס בליקן
איז געווען ווי צאַרטע גרינע בלעטער,
ערשט־אָנגעוואַקסענע אויף אַ בוים.

* * *

אויף די ביימער די בלעטער
האָבן זיך גענומען קנייטשן,
דאָס גרין־זאַפטיק לעבן האָט אָנגעהויבן
אויסטריקענען אין זיי.
קוק איך איצט אויף מיינע געליבטע ביימער,
און מיין האַרץ טוט מיר פאַר זיי וויי.

* * *

אין חלומות איז ניטאָ וואָס צו גלייבן,
און דער געדאַנק פון שלום ליגט שוין
ניט מער אין די אויגן פון טויבן.
פריינטשאַפט איז נאָר אַ פאַרפירעריש וואָרט,
און דער אויסגאַנג פון אַלע מעגלעכע זאַכן
איז יעדער איינער נאָר פאַר זיך אַליין זאָרגט.

לידער

.1

פרייד, וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
אַ טייער געשאַנק איך האָב איינגעראַמט
אין אינהאַלט פון מיין לעבן
און קיינמאָל, קיינמאָל אין אַ זייטיק ווינקל
איז עס ניט געבליבן ליגן.
און אַז מיר זיינען שוין דעם לענגסטן וועג
דורך יאָרן אָפּגעגאַנגען, דאַרפן מיר דען
אויסטראַכטן נאָסטאַלגישע געזאַנגען,
אַז עס איז געווען, געווען?
די פרייד, וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
ביז היינט־צו־טאָג אין מיינע לידער,
ווי גיין־גאָלדענע פעדעם איך טו איינוועבן
און פאַרגעס ניט אַז דאַנקען
דאַרף איך דיר.

.2

צווישן מיר און מיינע יאָרן
אַזויפיל שיינע שעהען זיינען אויפגעגאַנגען
און זיינען אויך געגאַן פאַרלאָרן.
איז וואָס איז דאָ זיך צו צעלייגן,
און וואָס איז דאָ נעמען זיך צו באַקלאָגן?
אַ מענטש איז דאָך ניט קיין גראָז
און קאָן זיך ניט צו ווינטער אין דער ערד
באַגראָבן.
אַ מענטש איז דאָך פון מאַרך, ביין,
און זיין האַרץ און פילן איז דאָך ניט
ווי פאַרהאַרטעווטער שטיין.
אַ מענטש קען אויפנעמען און פאַרטראָגן

פרייד און טרויער, גליק און פּיין.
אַלץ קאָן ער איבערלעבן און איבערגעבן
ווי אַ גוטער מענטש
דאַרף זיין.

3.

שיינקייט איז דאָך ניט צו באַשרייבן,
און שרייבן איז דאָך ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך,
וויל איך איצט אַזוינע ווערטער אויסקלייבן,
אַז זיי זאָלן געבן מענטשן פרייד אַ סך.
ביימער האָבן ליב די גרינע בלעטער,
און גראָזן האָבן ליב צאַרטע שטילע טריט.
איך האָב ליב אַלץ וואָס קאָן זיך
ניט פאַרגעסן, און פאַרעמט זיך אויס
אין ליריש ליד.
איז ביי מענטשן צוויי הענט פאַראַנען
און פיס האָט ער אויכעט צוויי,
איז זאָלן זיינע צוויי אויגן זען —
אַז שיינקייט צו דער וועלט
ברענגען זאָלן זיי.

4.

דער טאָג האָט זיך צו מיר צוגעטוליעט
און אייגנאַרטיק מיר דערציילט פון זיין
געגאַרטער פרייד.
האָבן מיר מיט קלוגע רייד זיך ניט געמאָסטן
און ליבהאַרציק זיך דורכגערעדט שטילערהייט.
איך האָב אים אָנגעוויזן אויף די ביימער
און אויף די גראָזן, וואָס האָבן זיך אַזוי שפּילעוודיק
פולזאַפטיקע איבער דער ערד צעשפּרייט.
ער האָט מיר אויסגעזאָגט אַז אַלע פרימאָרגן
פול מיט שרעק און זאָרגן צו דער וועלט
ער גייט.

איך האָב אים אָנגעמערקט, זאָל ער זיך צוקוקן
צו מענטשן־אויגן וואָס פריינדשאַפט און ליבע
האָט זיך אין זיי אַריינגעצויגן,
און פון זייערע העלדזער האַרציק געזאַנג ווייט.
האָט ער מיר פאַרטרויעט, אַז אַלע פרימאָרגן
אין אַנגסטן ער באַדויערט: ער ווייסט ניט,
וואָס די וועלט וועט אים אָפּטאָן.
איך האָב אים דערקלערט, אַז איינער אַליין
קאָן קיינער פון פאַרצווייפלונג זיך ניט
אויפהייבן און איבער ערד אַרומגיין.

5.

די וועלט באַגייט זיך אָן פּיקאַסאָן
און נערודאָן,
און וועט זיך אויך געוויס באַגיין
אָן מיר.
און דאָך איז אַזוי פיל פאַרדרוס
וויסנדיק, אַז ליב און טייער די וועלט
איז דיר.
מיר איז ליב דער דינסטער שפּיץ פון פויגלס
פליגל,
מיר איז ליב דער גרינסטער גראָז פון גרינע גראָזן,
מיר איז ליב דער שטילסטער זאָג פון אמת־זאָגן,
מיר איז ליב די ריינסטע זאָרג פאַר
מענטשנס פרייד אין זיך צו טראָגן,
מיר איז ליב יעדער טאָג און יעדע שעה,
וואָס די נעמען פון פּיקאַסאָ און נערודאָ
האָב איך איינגעלייגט אין מיין לעבנס־
פאַרמעגן.

6.

די שטוב איז פול מיט מענטשן,
און יעדער איינער טראָגט צייכנס פון זיין

לעבנסגאַנג.
איך הער זיך איין אין זייערע פּילפאַרביקע
געשפּרעכן, און טיף אין מיר צעוויקלט זיך
אַ גוט־פריינדשאַפט־געזאַנג.
טייערער הימל, גוטער מאָרגן, איר זענט דאָך
אויך ניט פרעמד צו אונדזער גליק:
זאָגט מיר, צי דאַרפן מיר אַלעמאָל נאָר ווייטיקן
און ליידן, און אומגיין אויף אַן אויסגעטראָטענעם
וועג.
די שטוב איז פול מיט אַלץ־זוכנדיקע אויגן,
ווי איילנדיקע פייגל פאַרביי מיר זיינען
דורכגעפלויגן,
און מיין האַרץ מיט בענקשאַפט פאָלגט
זיי נאָך.
אַ, ווייכע גרין־גראַזיקע אומשולדיקע ערד —
מענטשנס גרויס פאַרגעניגן,
גיב אונדז פרייד, ווי אַ מאַמען איר
ערשטלינג זייגנדיק קינד.
די שטוב איז ניט פרעמד,
די שטוב איז אייגן —
אַ ציל־פּונקט —
פאַר דאָרשטיקע און פון שווער לעבן
אָנגעשטרענגטע מידע,
באַגעגן זיי מיט ברויט, מיט נייגער,
מיט צוגעטראָגענע שפּייזן
און אַ פריש־אָטעמדיק וואָרט.
אַ, מענטשן, מיר אַלע דאָ אין שטוב,
צווישןביימער און ליכטיקע גראָזן
איר האָט מיר געהאָלפן מיין לעבן
אַ דאַנק זאָגן.

גוט־יום־טוב

איך האָב שוין לאַנג געטראַכט —
אַ גוט־יום־טוב דיר, געראָטן לאַנד,
מיט דיינע געבענטשטע שטעט, און וועגן,
מיט דיין גוטער ערד, און ווייס־זאַמדיקע
ים־ברעגן.

אַ גוט־יום־טוב, אויסגעחלומטע, און פאַרווירקלעכטע
אין וואָרן.
צוויי הונדערט יאָר — אַז דו ביסט זעלבסשטענדיק
געוואָרן.

איך בין אַ יידיש קינד, און מיין וויגעלע
איז דאָ ניט געווען אַנגעגרייט צו מיין
געבוירן,
מיין מאַמעס אויגן האָבן קיין מאָל דעם
האָדסאָן־טייך ניט געזען,
און אין רוי־וואַונדער יאָסעמיטע־וואַלד
איז זי אויך ניט געווען;
נאָר איך אַליין האָב דיך מיט אַלע
דיינע שיינקייטן געפונען.

איך האָב געבראַכט מיין יונג יינגליש הארץ
און גלייך געגומען זיך אין דיר פאַרליבן.
איך האָב באַקאַנט זיך מיט די עדעמסעס,
מיט דזשעפערסאָן, מיט וואַשינגטאָן.
איך האָב צעוויקלט די לעגענדעס,
די מחשבות, פון מעדיסאָן, פון געריסאָן,
און טאָם פעין,

לינקאָלן, דזשאָן בראַון, און וואָלט וויטמאַן,
און געפּרייט האָב איך זיך, און באַגיטיקט
מיט די נעמען פון מיין יידישן שטאַם
וואָס האָבן דאָ געבליט, און געבלוטיקט.
יעדער בוים איז שיין ווען ער צעוואַקסט זיך
און צעבליט זיך.
דער עפּלבוים, דער באַרנבוים,
דער וויינשלבוים, דער פלוימענבוים,
און אַזוי אויך דער קאַשטאַנען־בוים,
און דער נוסנבוים — אַלע זיינען זיי ווירדיק
און אַ וועלט טוט פון זיי געניסן.
קער איך זיך אָן מיט דיר, מיט מיינע
מיטגעבראַכטע און פאַרוואַרצלטע לעבעדיקע יאָרן.
איך האָב שוין באַלד דאָס גאַנצע לאַנד
מיט מיינע אויגן געזען, און צו די קברים
פון וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן, און לינקאָלן,
און וויטמאַן איך בין געפאָרן.
איך בין דורכגעגאַנגען יעדן וועג
און שטעג — וואו עס האָבן געשטעלט טריט
די פּיאָנערן און רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן
פאַר דיין פריי־זיין זיך געשלאָגן.
איך בין שטאָלץ און מיט גרויס כבוד באַנעם
די גליקלעכע נעמען פון די אַלע וואָס האָבן —
דיר, אַמעריקע, דעם נאָמען געגעבן,
זאָג איך איצט גוט־יום־טוב דיר, ווייל אייגן
דו ביסט מיר, און כ'וויל מיט דיר זיך ניט
אָנהייבן קריגן — פאַר די אַלע אומרעכטן
און עוולות — וואָס דו האָסט אין דיין
לעבנסוועג פאַרשוויגן.

צו דיר אַמעריקע
מיין וואונטש

איך האָב אַליין פאַר זיך
דיך אויסגעקליבן,
דו האָסט ניט געשיקט נאָך מיר
קיין שליחים,
דו האָסט ניט מיט טרומפייטן
פאַרבעטן מיך.
מיט זעכציק יאָר צוריק, איך —
אַ יידיש ייִנגל — פון אַ קליין רוסיש שטעטל
צום פּאַקל פון פרייהייט־סטאַטוע
האָב אַרויפגעטראָגן אַ קוויטל:
— איך בין דאָ.
פון עליס איילאַנד־קעסל גאַרדן
איך בין אַראָפּגעגאַנגען,
מיט שטורעם־דראַנגען, און אימפּעטיקע
קלאַנגען האָבן דאָס יונגע לעבן מיינס
געפאַנגען, גלייך אין יענער שעה.
איצט, אין ניינצן הונדערט זעקס־און־זיבעציק,
איז מיר גוט צו זאָגן, אַז מיינע זעכציק
אויסגעוואַקסענע יאָרן איך האָב דאָ ביי דיר
אויף מיינע אַקסלען אַרומגעטראָגן,
און זיך איינגעוואָרצלט ווי אַ פּרוכטבאַרער בוים.
בוימער זיינען דאָ ביי דיר אַזוינע
וואונדערלעכע שיינע
אויסגעשפּרייטע איבער דיין גוטהאַרציקער ערד,
און אַלע פּרוכטן וואָס זיי ברענגען —
באַגליקן אונדז דאָס גאַנצע יאָר.

איז וואָס־זשע וויל איך דיר איצטער זאָגן
פונקט צו דיין צוויי הונדערט־יום־טוב יאָר?
אַז דו זאָלסט ניט פאַרגעסן
אַז מיליאָנען אַזוינע ווי איך ניט־געבוירענע
דאָ, האָבן דיר געבראַכט זייער
מעגלעכע באַגריפן צו באַגיטיקן דיך —
איז שטעל זיך זיי ניט אַנטקעגן, און גיב
זיי פרייד און פרידן, אַז ערלעך
ליבן זאָלן זיי דיך.

טראַכטן און ליבע

.1

טעג זוניקע צוקער־זיסע
דערקוויקן אַמאָל אַ מענטשן
אין זיין לעבנסוועג,
גיבן אים צו פאַרזוכן גליקלעכע שעהען
פון ליבע, פרייד, און צו אמת פירן
אים צו.
טעג אַזוינע אויף ערד צעבליטע —
רייך־פאַרביקע פון הימל אָפּגעשניטן,
דרינגען־דורך אַמאָל אַ מענטשנס האַרץ
און דערמאָנען אים ווי מיט גוטסקייט
זיך צו באַנוצן.

.2

איך ווייס אַז פאַרליבט אין לעבן
זיינען אַלע מענטשן גלייך,
איך ווייס אַז יעדער מענטשנס לעבן
גייט ניט דורך דעם זעלבן שליאַך.
איך ווייס אַז אַ מענטש צו זיין
איז זייער אַ קלוגע זאַך,
איך ווייס אַז אין דעם פאַרגעסן זיך
זייער אַ סך.

.3

טעג זיינען דאָ אין מענטשנס לעבן,
וואָס שלעפּן זיך ווי שווערע אָקסן
און ווערן צעביסן פון בייזע פליגן.
שעהען זיינען דאָ אין מענטשנס לעבן
וואָס פליען אום ווי איבערוואַנדער־פייגל
און געפינען ניט קיין אייגענע היים.
מינוטן זיינען דאָ אין מענטשנס לעבן,

וואָס דערהייבן זיך צו לויטערע באַגריפֿן
און שפּילן אין האַרצן אויס אַ ליריש ליד.
מענטשנס לעבן איז ווי אַ וואָגן, ווי אַ שליטן,
סיי ס׳קײַלעכדיקט זיך, סיי ס׳שלעפּט זיך
און דערגרייכט צו ניט קיין אויסגערעכנט ציל.

4.

איך ווייס אַז פֿרילינג לעבט מיט אונדזערע טעג.
איך ווייס אַז זומער גייט־אום מיט אונדזערע יאָרן.
איך ווייס אַז האַרבסט וויל אונדז ניט
שאַנעווען און שפּאָרן.
איז וואָס זאָלן מיר טאָן,
אַז אונדזער לעבן צווישן זומער און האַרבסט
זאָל אין גאַנצן ניט גיין פֿאַרלאָרן?

5.

מײַן טאָג לעבט מיט מיר
ניט פֿאַר ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
ניט פֿאַר זיסן האָניק נאַשן.
מײַן טאָג גייט מיט מיר ניט צו אויסנאַרן,
ניט צו אויסבעטלען אַ צוגעקילטן,
אַ פֿאַרפֿרוירענעם שמייכל.
מײַן טאָג טראָגט מיט זיך אַן אויסגעקאָוועטן,
אַ שטאָל־פֿאַרהאַרטעוועטן געוויסן.
מײַן טאָג רופֿט צו מיר: ניט שרעקן זיך,
ניט מיט פֿאַלשע רייד זיך באַנוצן.

6.

איך ווייס אַז דער הימל וואוינט
אין דרויסן,
איך ווייס אַז אין דרויסן זיצט די ערד.
איך ווייס, אַז אַלע מאָל פֿאַר לאַנגע צייטן
מענטש זוכט פֿאַר זיך אַ ווינקל,
אַ שטוב.

זיך איך אין מיין שטוב און טראַכט:
וואָס קאָן איך אינאיינעם מיט דרויסן טאָן,
אָפּצוהיטן די וואונדערלעכע פּרוכטבאַרקייט
פון דער ערד,
און די טייערע וואַרעמקייט פון הימלס זון.

7.

פאַרגייענדיקע טעג און אָפּגעשוואַכטע יאָרן
פאַרקלענערן דעם ווילן און דעם אַפּעטיט
פון לעבן.
אַפילו פייגל, ווען זיי פליען־דורך
מיט אויסגעשטרעקטע פליגל, וועקן שוין ניט מער
ציטערדיקע באַגערן, אַז שיין ס'איז געווען
און יונגע יאָרן האָפענונגען צו טראָגן.
נעכטן האָט אַ פריינד צו מיר געזאָגט:
צו־שפּעט נאָך צעבלאָזענע חלומות
זיך נאָכצויאָגן.

8.

איך ווייס ניט וואָס צו טאָן
מיטן יונגן מאָרגן, וואָס בליט
אַזוי שיין ביי מיין טיר.
אַז אַלע האָפענונגען אַלע אויסגעוואַרטע פאַרלאַנגען
שלאָפן פאַרחלשטע איצט אין מיר
אַזוי פיל גוטע טעג האָבן זיך אָנגעקערט מיט
מיינע יאָרן.
האָבן זיך אַרומגעשלעפּט מיט מיינע האָפענונגען,
מיינע באַגערן,
האָבן זיך אַרומגעיאָגט און אויף אוממעגלעכע
פאַנטאַסטישע וועגן מיט מיר אַרומגעפאָרן,
און זיינען ניט געווען מיד.
איצט קוק איך אויף ביימער מיט בלעטער
פריש־גרינע,

און אין מײַנע אויגן וואַקסט־אָן
אַ פֿאַרביטערטע שנאה...

9.

יאָרן מײַנע אָנגעלאָדענע מיט גוטן ווילן,
אויסגעוואָרעמט פֿון האַרץ רײַפֿע געפֿילן.
אַט שטייט איר פֿאַר מיר, ווי איך אַליין,
פֿאַר אַ שפּיגל.
אַט זע איך דעם אָנהייב פֿון ערשטן באַגינען,
אַט הער איך דעם רוף צו גוטסקייט
דערציִען.
אַט נעם איך אויף דעם געדאַנק,
ווי אַזוי מענטש דאַרף פֿאַר שיינקייט
זיך מיִען.
יאָרן מײַנע, פֿאַר אַלץ וואָס איך האָב
און טו פֿאַרמאָגן, —
אַן ערלעכן דאַנק איך וויל אײַך זאָגן.

10.

האָט זיך אויסגעגאָסן אַ שלאַקס־רעגן
און דער קאַשטאַנען־בוים, וואָס שטייט
דאָרטן אַנטקעגן — צוואָגט זיך אויס
פֿון קאָפּ אַראָפּ ביז צו די פֿיס.
אַך, וואָלט איך זיך פֿאַרליבט אין מײַנע
יונגע יאָרן, וואָס זײַנען באַטעמט געווען
ווי זיסע ניס.
אַט, זיך אויסגעגאָסן אַ קאַלטער,
אײַנגעגעסענער רעגן,
און מײַנע אַוועקגעגאַנגענע יונגע יאָרן
האָבן שוין פֿאַרגעסן ווי אַזוי זיך
צו מיר דערפֿרעגן. איז מיר אומעטיק
אַצינד.

.11

איז וואָס זאָל איך טאָן,
וואָס זאָל איך טאָן,
אַז יונג־לעבן בליט אויף ביימער,
אַז פייגל זינגען ערשט־געבוירענע לידער,
אַז דער הימל ליגט אַ נאַקעטער און מאַניעט
די גאַרנדיקע ערד?
איז וואָס זאָל איך טאָן,
וואָס זאָל איך טאָן —
אַז פאַר זיבעציק יאָר מיינע אויגן
האָבן געזען פרימאָרגנס
און פאַרנאַכטן,
און זאַט בין איך ניט געוואָרן
פון די טויזנטער און טויזנטער
אומפאַרגעסענע טעג.
וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן,
דו ליכטיק שיינער פרימאָרגן,
אַז אַזוי פיל ניט־טרעפנדיקס אין דיר
ליגט פאַרבאָרגן,
און מיין לעבן איז ווי אַ רייפע מאַקאָווקע
אָנגעפּאַקט מיט מאָן?

.12

איך האָב געזען אַ זון־אויפגאַנג
ביים דניעפּער,
איך האָב געזען אַ זון־פאַרגאַנג
ביים סעין.
איך האָב געזען אַ זון־אויפגאַנג
ביים האָדסאָן,
איך האָב געזען אַ זון־פאַרגאַנג
ביים ריין.

איך האָב געזען דעם אַטלאַנטיק
און דעם פּאַסיפיק אויסגעגאָסן,
און צעוואָלגערט ביי פעלדער און ביי
וועלדער,
ביי אוראַלטע בערג פון שטיין.
און געטראַכט אַז לעבן איז
וואונדער־שיין.
וויל איך איצטער זאָגן:
פּאָעטן, דיכטער, איר אַלע —
איר אַלע מיינע ברידער — איר,
ווערטער־בויער, איר אויפנעמער
פון פרייד און טרויער,
ווי זאָל איך אייך פאַרשטיין?
ווי לאָזט איר, אַז אויף אַלע וועגן
אין מיין גאַנג,
איר זאָלט מיר פרעמדע זיין?

.13
די וואָלקנס אין הימל
פאַרקלענערן ניט די ערד,
און די דונערן און בליצן
שרעקן זי ניט איבער.
מיין גאַנץ לעבן בין איך אומגעגאַן
און זיך ניט פאַרפּלאָנטערט אין וועג.
געזען האָב איך לויטערע זונען.
ביימער אין אַלערליי קאָלירנדיקע בליען.
געזען האָב איך שוואַרץ־פאַרכמאַרעטן הימל,
ווי די טויט־טיפעניש פון אַ גרוב.
נאָר מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט,
אַז אין פרילינג די ערד וועט זיין לעבעדיק און גרין,
און דער הימל וועט זיך אין מיר פאַרליבן.

.14

אַלע מאָרגנס וואַרטן אויף מאָרגן:
אַלעביימער וואַרטן אויף בליטן,
וואָס זיינען טיף אין זיי פאַרבאָרגן.
אַלע מענטשן וואַרטן אויף לעבן —
וואָס וויל מיטן גוטן ווילן זיך וועבן.
פריינד מיינער, דו ווי מיין אייגענער ברודער,
דיינע ליכטיקע טעג לעשן זיך, ווי אין
פרימאָרגן אין הימל די שטערן,
און וואַרטן אויף מאָרגן וואָס דו
האָסט אַזוי ליב געהאַט —
איז שוין ווי אַ פאַרשפּילטער חלום
אין טיפן דרימל.

.15

אַט אַזוי איז אַ מענטשנס לעבן
געבליבן שטיין.
געבליבן שטיין אין מיטן גאַנג
פון זיין מאָרגן־חלום.
און אַלץ וואָס ער האָט אין זיך
אַרומגעטראָגן, אין פינצטערניש
וועט בלייבן ליגן.
טייערער מאָרגן, ליכטיק לעבן,
אַט הייב איך אויף אַ גאָלד־פאַרברוינטן
בלאַט, אַראָפּגעפאַלענעם פון בוים,
צערטל אים אין מיינע הענט
און וועל אים פרייד פון לעבן
געבן.

16.

שיינער מאָרגן, ברוך הבא!
ס׳פרייט מיך זייער וואָס דו ביסט דאָ.
ס׳פרייט מיך לאָזן דיר וויסן,
אַז געבראַכט האָבן אונדז גרוסן:
די פייגל און די בינען, די אויפגעלעבטע
ביימער און די גראָזן, וואָס האָבן
אָנגעהויבן גרינען, די אויפגעוואַכטע
וואַסערן אין טייכן,
און די ווילדע וואַקסנדיקע בלימעלעך
ביי שליאַכן.
יונגער מאָרגן, ברוך הבא!
איך וויל דאַנקען יעדער מינוט,
און יעדער שעה פאַר דעם,
וואָס איך בין אויך דאָ.

האַרבסט־מאַטיוון

.1

דאָס האַרץ וואָס ליבט
איז שלאַף געוואָרן,
האָט עס קיינעם ניט געאַרט
און קיינער האָט וועגן דעם זיך שלעכט
ניט גענומען פילן.
נאָר אַ מענטש פון שווערע ווייטיקן
איז שיער ניט אומגעקומען.
און זיינע ליכטיקע חלומות האָבן זיך
גענומען אויסוועבן.
איז וואָס איז דאָס אַזוינס וואָס רופט
זיך אָן לעבעדיקע וועלט?
איז פאַר וועמען בליעןביימער,
און ס׳גרינען גראָזן?
פאַר וועמען גייט אין פרימאָרגן
אויף די זון,
פאַר וועמען שפּילט די לבנה ביינאַכט
אויס איר ליריש ליבע־ליד?
פאַר וועמען רייפן און ווערן צייטיק
די וואונדערלעכע פּרוכט,
און אַלע געבענטשטע וואוקסן וואָס
גייען אויף פון דער ערד,
אַ מענטש איז דאָך צו גוטסקייט
אויפגעוואַקסן,
און זיין זיין דאָ איז ניט קיין
אוממעגלעכע זאַך,
דאַרף ער אַלע מעגלעכע נאַטור־פּאַזן
דורכמאַכן.

און מיט אַלץ וואָס וואַקסט, בליט און לעבט
זיין גלייך.
דאָס האַרץ וואָס ליבט
איז שלאַף געוואָרן, און ס׳האָט קיינעם
ניט געאַרט.
נאָר איך אַליין האָב זיך מיט
שטאַרבן אָנגעטראָפן
און אין אַ דועל מיט אים זיך
אַוועקגעשטעלט.
איז ווער סע ווייסט ווי זיך צו ליבן —
און זיך שעצן,
זאָל וויסן אַז צווישן אַלע שיינקייטן
וואָס נאַטור האָט באַשאַפן
מענטש מיט זיין לעבן איז אַ ניצלעכער
באַגריף.

2.

ס׳האָבן בלעטער גענומען פאַלן,
פאַלן אַראָפּ פון די ביימער —
זייער שטאַם,
און איך, מענטש — נעם אויף
דעם שטומען טרויער, און מאַטער זיך
וואו צוצופאַסן אַ גראַם.
אַ גראַם פאַר פאַלנדיקע בלעטער
וואָס האָבן איינגעאָטעמט אַ וועלט מיט פייגל
געזאַנג.
אַ גראַם פאַר שטאַרבנדיקע בלעטער
וואָס מיט שיינקייט האָבן באַגליקט —
זייער זיין.
אַ גראַם — פאַר גאַנג, געזאַנג
און פאַרגאַנג.

אַ ליד צום נייעם יאָר 1978

מיט מאָרגן, מיט פרימאָרגן
מיטן טאָג פון נייעם יאָר —
איך בין פאַרבונדן, צוגעקלעפּט
ווי אַ פּעקל פאַרבליבענער ירושה
פון יאָרן אָנגעקליבן,
פון יאָרן איבערגעבליבן.
מיין איך, מיין זיין דאָ איז ניט
פון לייקענען, פאַרלייקענען
די עוולות, די גוטסקייטן,
וואָס איך האָב דורכגעלעבט
דורכגעטראָגן.
איך בין אַ מענטש, איך בין אָנגעגורט
מיט האַרץ, און מיט געוויסן.
איך רעד זיך דורך מיט זיך
מיט מיין אייגענעם איך,
און טראָג אַרויס ניט־באַשטרייטבאַרע
באַשלוסן.
איך צעעפן מיין פענצטער
אויפן צוועלפטן גאָרן און זע
דעם הימל מיט וואונדערלעכע
עקזאָטישע פאַרבן אָנגעגאָסן.
איך זע די דעכער, די הייזער,
די מויערן צעשטעלט איבער
ניו־יאָרקער גאַסן.
איך ווייס, אַז אומעטום — צווישן ווענט,
פענצטער, טירן — לעבן מענטשן
וואָס ליבן זיך און האַסן.
איך בין איבערצייגט, און קאָן

עס זיכער זאָגן — אַז מיינע גלידער,
מיין בלוט, הערן זיך איין
ווי דאָס האַרץ ביי מיר וויגט זיך
ווי אַנגעלאָדענע וואָג־שאָלן.
איך בין אַ מענטש, איך בין פון אַ
הונדערטיאָריקער יידישער משפחה.
איך בין פון מיצרים, איך בין
פון ירושלים, איך בין פון שכם,
פון אַמסטערדאַם, פון לאָנדאָן,
פּאַריז, מאָסקווע און בערדיטשעוו.
פון וואַרשע, כעלם, לעמבערג
און ברוסעל.
איך בין ניט געווען אין מאַידאַנעק,
איך בין ניט געווען אויף פּאָנאַר,
מיינע אויגן האָבן ניט געזען דעם
פלאַם־פייער וואָס האָט פאַרברענט,
דערשטיקט און אויסגעהרגעט מיין
פריערדיקן, מיין אייגענעם,
מיין אויפקומענדיקן יידיש־מענטשלעכן —
זעקס מיליאָנעדיקן אַפּשטאַם.
איך בין ניט געווען אין ווילנער,
לאָדזשער, ביאַליסטאָקער, קאָוונער
געטאָס.
איך בין ניט געווען אין קיעווער —
באַבי־יאַר,
איך האָב ניט געזען דעם גסיסה־טויט
פון גערמאַנישן עגאָ־פסיכיש קראַנקן
נאַצי־באַרבאַר.
איך האָב זיך ניט באַטייליקט
אין דינגען זיך פאַר צאָלן, באַצאָלן
און אָפּצאָלן, פאַר טויט און פאַר

שלום.
מעסטן און אויסמעסטן די ערדן
און ימען, רעכטן און גערעכטן, און
אומרעכטן.
איך בין געווען דאָ אין אַמעריקעס
ניו־יאָרק, אין אַ זיכערן פעסטן מויער,
צעעפנט אַ פענצטער אויסצולופטערן
מיין דריקענדיקן פיין, מיין ווייטיק
און טרויער.
איך בין ניט געווען אין די טויט־לאַגערן
אין דאַכאַו, רעגענסבורג, פּאָלטאַווע און
מאָלדאַווע.
איך בין געזעסן דאָ אין ניו־יאָרק
אין קאַפעען, געטרונקען קאַווע און
פֿאַרזיסטע טייען.
זיך צוגעקוקט צו זון־אויפגיין,
און צו זון־פאַרגיין. הנאה געהאַט —
קווייטן אויף מיינע פענצטער
פאַרזייען.
איך בין ניט געווען ווי דער יורש
פון די צען מאַראַלישע געבאָטן —
דאָרטן וואו ס׳האט געברענט, און מיט סם
איז פאַרטיליקט געוואָרן מיין יידיש פאָלק,
מיין מענטש־פעלקערדיקער אָפּשטאַם.
דערפאַר טראָג איך מיין זינד,
און לעב מיט מיין שולד,
אין היינטיקן טאָג, אין איצטיקן
נייעם מאָרגן.

לידער פון טאָג־טעגן

1.

ס'רעדט זיך וועגן זאכן,
און דערווייל ליגט דער הימל
אָנגעגאָסן מיט ליכט און שיין,
און די ערד ליגט טרוקן־דאַרשטיק,
פאַר אַ ביסל וואַסער דאַרט זי איין,
און איך אַליין גאָר פאַר אַ וואָרט
אַ נייעם — אַזוינס וואָס זאָל אויפגיין
ווי אַ פריש בלאַט אויף בוים.
טייערע יאָרן, אַלטע יאָרן,
קאַרגער ווערט איר מיט מיין ווילן,
פון טאָג צו טאָג.
און ווילן ווילט זיך מיט אַ רייף,
גענוט לעבן,
דורכפירן חשבונות אָפענע פאַר
אַלעמען צו זען,
אַז אַ מענטשנס לעבן איז ניט געווען
קיין נאַרעריי.

2.

טעג, געראַטענע אין מיין לעבעדיק לעבן,
אויסגעוואַקסענע אין וואַלד פון מיינע יאָרן,
מיט פרייד מיך באַגריסן, ווען נאָך רו
איך קום צו גיין.
שטילע, שיינע, מיט אַלמעגלעכע באַגריפן,
זיי דערמאָנען מיר ווי אַזוי איך האָב
זיי פאַרזייט;
טעג מיינע אין מיין לעבעדיק לעבן,
געוואַקסענע אין שטורעמס, אין רעגנס,

אין זאַווערוכעס,
פון איבערגאַנג, פון אונטערגאַנג,
פון אויפגאַנג — פון פעלקער און
מלוכות.

3.

דאָס וואָרט וואָס בליט ביי מיר
אין האַרצן,
איך זאָג־צו כאַוועץ וועל איך
און היטן,
אַז צו רייפקייט ס׳זאָל אויפגיין.
דעם באַוועגלעכן קלאַנג אין מיין טראָט
זאָג איך צו,
איך וועל היטן און נערן — אַז ווי וויגנדיקע,
פרוכטבאַרע זאַנגען זאָלן זיין.
דעם ליכטיקן בליק אין מיינע אויגן
זאָג איך צו, איך וועל ציכטיקן און היטן
אַז ליב און שיין, ס׳זאָל אויף לעבן
זיך איינקוקן.
דעם געהאָרך פון מיין אויער, איך זאָג־צו,
איך וועל שלייפן, און שניצן, און צום
דינסטן דין פאַרשפּיצן אַז אויפנעמען
ס׳זאָל דעם שטילן, שטילסטן רוף
פון אומגליקן, און גליקן.

4.

מענטשן גייען אום מיט פאַרדרייטע נעזער,
מענטשן גייען אום מיט קריצנדיקע ציין,
איך גיי אַרום מיט טריט גרינגע ווי
אַ פעדער.
איך גיי אַרום זוכנדיק שמייכלדיקן
חן.

מענטשן גייען אום און מיינען, אַז אָן זיי
ס'וועט די וועלט ניט קאָנען שטיין,
מענטשן גייען אום און קלערן, אַז אָן זיי
ס'וועט לעבן זיך ניט באַגיין:
איך גיי אום און ווייס שוין זיכער,
אַז מיין יעדער טראָט, מיין יעדער שפּאַן
איז פאַר מיר אַליין וואונדערלעך
און שיין,
פול מיט חן.

5.

ס'זיינען דאָ אַזוינע טעג,
וואָס ווערן דיר נאָענט און ווערן
דיר טייער,
קערן זיך אָן מיט דיר ווי דיינע
אייגענע אויגן.
אַזוינע טעג פירן דיך צו טיף פאַרבאָרגענע
געפילן
און ווי טענער פון צאַרטער פלייט
דו הייבסט אָן מיט לעבן אַ ליבע
שפּילן.
אַ ליבע שפּילן איז גאָר אַ טייערע זאַך
און אויפקלייבן נאַטור־געבענטשטע וואונדער
איז אַלעמען באַשערט באַגלייך.

6.

זיבעציק יאָר
ס'האָט געשנייט, געדעגנט.
זיבעציק יאָר, ס'איז געווען ווינטער,
זיבעציק יאָר, ס'איז געווען פרילינג,
זיבעציק יאָר, ערד איז געווען פאַרליבט
אין גראָזן גרינע,

זיבעציק יאָר,ביימער האָבן זיך געפּרייט
מיט בלעטער יונגע, דינע,
זיבעציק יאָר, הימל האָט זיך צוגעקוקט
ווי מענטש מיט זיין לעבן האָט זיך
אָנגעהויבן שפּילן.

7.
איך רייס אָפּ מאָרגנס
פון פרימאָרגנס — מיינע מאָרגנס,
פלאַנץ זיי איין אין מיין האַרץ,
האָף און ווינטש זיי זאָלן וואַקסן
און בליען,
אַפילו ווען זיי וועלן זיך אָפּטיילן
פון מיר.

8.
איך וואַרט שוין העכער זיבעציק יאָר
פאַר אַ וואָרט אין מיר, וואָס זאָל מיר
זאָגן —
זאָגן דעם גלייכגעוויכט צו וויכטיק, אָדער ניט
איז געוועזן מיין לאַנג לעבן?
אַ מענטש איז דאָך ניט ווי דער בוים,
וואָס יעדן פרילינג נעמט זיך מיט נייע
בלעטער בליען;
אַ מענטש איז אויך ניט ווי אַ שטיין,
וואָס ליגט אַ טויב־שטומער, און איבער אים
טעג און נעכט צו ניי לעבן זיך ציען.
אַ מענטש איז דאָך ניט קיין חלום אויסגעטראַכט
ווי די שערעזאַדע, אויפגעברויזט און צעשטורעמט.
אַ מענטש איז דאָך ניט ווי צעשטערטער שלאָף
וואָס קען ניט אויפשטעלן צוריק דעם צעפּאַלענעם
חלום־טורעם.

אַ מענטש איז דאָך פֿון בלוט און פֿלייש,
אַן איבערגאַנג פֿון טאַטנס טאַטע,
אַן אויפֿגאַנג פֿון זייער שטראָמעדיקן
מענערישן געזאַנג פֿאַר דור־דורות
צו פֿאַרבלייבן.
אַ מענטש ווי איך אַליין —
וויל מיין אָפּשטאַם, מיין דור, מיין צייט,
און מיין געלעבט לעבן, קיין בעל־חוב
ניט בלייבן.

אַ בריוו צו דער וועלט

גייט מיין קאָפּ אַרום מיט מיר
און קלערט אויס אַזויפיל ניט געשטויגענע גליקן.
אַט אַשטייגער האָט זיך אים פאַרוואָלט,
אַז צו דער וועלט אַ בריוו איך זאָל שיקן.
איז וואָס צו שרייבן פרעג איך ביי אים,
אויב אַזאַ קלוגער ער איז ביי מיר.
גיב אַ פאָדעם, גיב אַ וואָרט,
גיב אַן אַנטייט, גיב אַ זאָג,
ווי אַזוי זיך ווענדן צום היינטיקן טאָג.

אַלע טעג פון אונדזער איצטיק לעבן
פון זיי אַ נעץ מיר וועבן,
און ווי דער פישערמאַן הענגען אויף —
אויף אונדזערע אויגן — ווי אויף שטאַנגען
און וואַרטן ביז זיך אַליין מיר וועלן פאַנגען.
געפאַנגען זיינען מיר וואואָהין מיר זאָלן
זיך ניט וואַרפן,
און צו באַפרייען זיך, אַ ניי לעבן מיר
דאַרפן.

אַ ניי לעבן מיר דאַרפן בויען,
אַז מיר זאָלן קאָנען איינס דעם צווייטן
טרויען,
און ניט אַריינפאַלן ווי די פיש אין נעץ.

איז דאָס אַן אָנהייב פון אַ בריוו,
צו פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ איך פּרואוו.
איך וויל מיין קאָפּ ניט איבערשפּיצן,
איך וויל אַזוי אָפּנהאַרציק מיט אים —
זיך דורכשמועסן,

און איך זאָל אַרומגיין מיט אַ ריינעם
גערויסן.

וועמענס איז די ערד די גוטע,
וועמענס איז דער וואונדער פוןביימער
צעבליטע,
ווער האָט אַנגעהייצט די זון צו וואַרעמען
לעבן אומעטום,
ווער האָט אויסגעשניצט די לבנה
און אויפגעהאַנגען זי ווי אַ שיינע מתנה,
ווי אַזוי האָבן די ימען מיט וואַסער זיך
אָנגעגאָסן,
ווי אַזוי האָבן בערג גאָלד, זילבער, מעש,
און אייזן אין זיך פאַרשלאָסן.
ווי אַזוי האָבן וועלדער און פעלדער זיך איינגעטיילט
מיט זייער גרויס פאַרמעגן,
אַזוינע פראַגן נאָר קינדער מעגן פרעגן.
און מיר גרויסע, אויסגעוואַקסענע —
וואָס קאָנען מיר זאָגן?

קאָנען מיר זאָגן —
אַז אַ ביטערע צייט אויף אונדזערע אַקסלען
מיר טראָגן,
אַז אויסגעלאָשענע הערצער מיר פאַרמאָגן,
אַז אַטאָמישע ווינטן אויף אונדז זיך יאָגן.
קאָנען מיר דערקלערן —
אַז די נעכט וויל מען אונדז צעשטערן,
אַז די טעג וויל מען אונטערזעגן
און פאַרשטעלן אַלע וועגן
צו די האָפענונגען, צו די פּרואוון,
צו די חלומות, און באַגערן, וואָס מענטש
דאַרף נייטיק האָבן.

ליבע־לידער

איך האָב געקויפט פאַר זיך אַליין
אַ מתנה,
איך האָב פאַרבעטן זיך צו מיין
יום־טוב־טיש.
איך האָב אָנגעגרייט אַ קאָרן־ברויט
און אַ ווייצענע חלה,
און זאָג צו מיין ווייב: געדענקסטו,
אַז מיט פערציק יאָר צוריק,
איך בין ניט געווען קיין חתן, און דו
ביסט ניט געווען קיין כלה,
נאָר ווי צוויי פאַרשטאַנדיקע מענטשן
מיר האָבן זיך פאַרקנסט.
און אַזוי זיינען מיר געגאַן אין צווייען,
פאַרזייט שיינע טעג און געראָטענע יאָרן.
נאָר קיינמאָל, קיינמאָל ניט גענויט לעבן —
אַז עס דאַרף אונדז מיט גאָלדענע גליקן
פאַר דעם באַצאָלן.

פון אַלע מיינע טעג אין מיין לעבן
קלייב אויס איינעם, און איך וועל אים
דיר אָוועקגעבן.
איך וועל אים דיר אָוועקגעבן דערפאַר,
וואָס איך האָב דיך ליב ווי אַ וויינינקן עפּל
און ווי אַ זאַפטיקע באַר,
און דו ביסט מיר זיס אין מיינע אויגן.
און איצט וויל איך דיר זאָגן — אַז איך האָב זיך
אָפּגעטיילט פון גלויבן, אַז פרייד און שלום —
פיקאַסאָס טויבן אין זייערע אויגן טראָגן,

אָבער דו ביסט מיין גלייבנדיקע
פרייד.

לאָמיר גיין אַהין וואו ריינער געוויסן
וועט אונדז פירן,
לאָמיר אויפעפענען די טירן פון אונדזערע
האַרץ־געפילן.
לאָמיר זיך אָוועקשטעלן פאַר אמת,
ווי יונגעביימער אין פרילינג־בליטן.
אָ, פריינד מיינער פון אַזוי פיל
לאַנגע יאָרן, וואָס קאָן נאָך שענער זיין?
וואָס קאָן אַ מענטש זיך ווינטשן
צו פאַרמאָגן?
ליבע פאַר זיין גאַנג, אַכטונג
פאַר שטיל לירישן געזאַנג,
און אין איינעם אין גוטפריינדשאַפט
זיך אויסצולעבן.

שענער פון אַ רעגנבויגן
איז צו זען פרייד אין דיינע אויגן.
פריינד מיינער, אַ לעבן לאַנג
מיט מיר דו ביסט געגאַנגען
און זיך צוגעאייגנט ווי ווייַנטרויבן
צו שטאַנגען.
ווייס איך שוין אַז דו נעמסט אויף
און דערהערסט
דעם שטילסטן, צאַרטסטן פון מיין האַרץ
דעם קלאַנג,
און האַרמאָנישע פולקאָמקייט ווערט
דער שענסטער פון דיינע פאַרלאַנגען.

פרילינג שטייט ביי טירן און ביי
שוועלן,
און פייגל פליען אום, און פאַר פרייד
ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זיך.
שטייסטו מיט דיין ליכטיקן פּנים און זאָגסט,
אַז לעבן ווי אַ בעכער מיט זיסן ווײַן איז
פול.
איז טאָקע לעבן אַ שיין געזאַנג,
אַז ס׳פאַראייניקט זיך מיט דינסטן קלאַנג
פון אויפשפּראָצנדיקע גראָזן,
און ניי־געבוירענעביימער־צוויטן,
ווי אמתע ליבע הייבט זיך אָן.

ביימער זיינען גרין געוואָרן,
און דער הימל איז לויטער ווי דיינע
צעעפנטע שיינע בלויע אויגן.
אָ, מיין פריינד, מיין ליבער, איך האָב שוין
אַ סך פרילינגען אָנגעקליבן, נאָר דאָרשטיק
איז מיין האַרץ און וויל צו פולקייט
זיך דערשפּילן.
קאָן איך איצט מיין יונגן פרילינג
ניט פאַרגעסן, אַז ערשט נעכטן, אַ גוטער
מענטש איז מיט אונדז געזעסן,
און שוין האָט אַלטער טויט אים אויפגעגעסן,
און אַ סוף, אַן עק.

שווערע טעג און אַלטע יאָרן.
מענטש אין כּבֿוד זאָל זיי אַרומטראָגן —
ווייל אַזוּפיל מאָל אין זיין לעבן
זיי האָבן געבליט און רייפע פרוכט
אים געגעבן,

סיי אין זיין אַרבעט. סיי אין ליבעס שפּילן.
און אַז פרילינג און זומער מיט אַלע
וואונדערלעכע שיינקייטן דאַרפן אַוועקגיין,
און אַז האַרבסט און ווינטער מיט שטורעמס
און שנייען אין דערוואַרטונג שטייען,
דאַרף אַ מענטש זיך ניט איבער־
קליגן.



געזאַנג פוןביימער

.1

ביימער לעבן דאָ
מיט מיר אין איינעם,
לעבן דאָ פריער נאָך —
פון מיר.
און פאַר מיר ווערן זיי
נאָענט און אייגן,
מיט יעדן טאָג און מיט
יעדער שעה.
איך זע זיי אין אויפגאַנג
פון פרימאָרגן,
אין זייער גיגאַנטישער זיכערקייט
זיי פאַרטרייבן אַלע מיינע
מאַטערנדיקע זאָרגן.
איך זע זיי אין פאַרנאַכט
ווען די זון פאַרלאָזט אויף הפקר
די וועלט,
וואַכזאַמע איבערגעגעבענע היטער
זיינען זיי אַרום מיר צעשטעלט.

.2

צוואַנציק יאָר —
זיינען אַוועקגעגאַנגען
אַוועקגעגאַן מיט רעגן און
מיט ווינט.
צוואַנציק יאָר —
איך אַליין בין עלטער געוואָרן,
און דאָס צווייגעלע וואָס איך האָב
געפלאַנצט, איז איצט

אַן אויסגעוואָקסענער בוים.
אַ הויכער בוים, אַ יונגער בוים,
אַ פרייד פאַר מיינע אויגן.
נאָר מיינע צוואַנציק יאָר האָבן
מיך אַ ביסעלע איינגעבויגן.

3.

ווינט אויף פוסטע ביימער
איז אומצופרידן,
האָט זיך ניט אין וואָס אָנצוטשעפּען,
פאַלט ער אַ ווילדער אויף ערד אַוועק.
אָ, איר ביימער ערלעכע טאַלאַנטן,
מיין האַרץ גלייבט אין אייער
שעפערישן גאַנג,
וועל איך דעם גאַנצן ווינטער
וואַרטן אויף אייער פרילינג,
בליענדיקן געזאַנג.
וואו ס'גייט די זון,
גייען איר נאָך די שאָטנס
פון ביימער,
מיין שטוב, און איך אַליין —
זיינען דאָך ניט ווי פאַרגליווערטע
שטיינער, —
זיינען מיר פאַרבונדן אַלע
ווי איינער.

4.

טעג זיינען אָנגעקומען
האַרבסטיקע פאַרשעמטע, קריגן זיך
דאָ מיט אַלץ אַרום.
שטייען ביימער און געזעגענען זיך
מיט אייגענע אינטימע בלעטער —

וואָס פאַלן פון זיי צו דער ערד
אַראָפּ.
בלעטער וואָס זיי האָבן אויסגעוואַרעמט,
אויסגעטראָגן, און גרין צאַרטע
אין פרילינג דער וועלט צוגעטראָגן —
ליגן איצט טויטע ביי מיין טיר.
און מיר איז ביטער שווער אַרויסגיין
און אַנטרעטן אויף די טרוקענע בלעטער
וואָס האָבן אַ גאַנצן זומער
גרינגאָלדענע געלעבט דאָ
מיט מיר.

בלעטער פאַלן

איך זע ווי בלעטער פאַלן טויט
אַראָפּ פוןביימער,
איך האָב געזען ווי מענטשן זיינען
קראַנק געוועזן פאַרן טויט.
נאָר איך האָב קיין מאָל ניט געזען
דעם געבורט פון זיכערן גלויבן,
אַז אַזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט.

איך האָב געזען פּאַבלאָ פּיקאַסאָס
אַלץ זעענדיקע אויגן, זיינע קלוגע הענט
צייכענען און מאָלן אויף לייוונטן
און אויף ווענט, אין מאָסקווע, פּאַריז,
אין ניו־יאָרק.
אויסזאָגן די סודות פון זיין רייך
אינערלעכן דראַנג.

איך האָב געזען פּאַבלאָ נערודאַ
אויסשלייפן און אויסטאָקן זיינע
אָטעם פאַרכאַפּנדיקע שורות,
אָנגיסן זיינע ווערטער מיט ליבע און גוטסקייט
וואָס האָבן געלעבט אין זיין האַרץ,
אויסלאָדן האַסן, און צאַרן און אוממיטלבאַרן
פּאַרדרוס.

איך האָב געזען פּאַבלאָ קאַסאַלן
זיצן ביי זיין טשעלאָ,
מיט זיינע פינגער אויסוועבן
גינגאָלדענע שנורן, איינוויקלען מיט זיי

מענטשנס שיינע באַגערן
און איינשיכורן מיט זיס־ביטערן לירישן
געזאַנג.

אַלע דריי פּאַבלאָס געלעבט האָבן
מיט מיר אין מיינע יאָרן.
איצט בין איך אַליין געבליבן
און זע די בלעטער טויטע פאַלן
פון די ביימער אין האַרבסט.

ווי וואַלט זיין

איך האָב אַרויפגעקוקט
צום הימל
נעכטן אויף דער נאַכט.
און אין מיין האַרץ און אין
מיין קאָפּ זעלטענע געדאַנקען
האָבן זיך פאַרטראַכט.
ווי וואָלט זיין — ווען איך מיט מיין
גאַנץ לעבן וואָלטן דאָ ניט
אַרומגעגאַן?
ווי וואָלט זיין ווען קיין לעבעדיקער
מענטש
אויף דער וועלט וואָלט ניט געווען,
וואָלט דער הימל אַ ליידיקע ערד
געוואָלט זען?
אַ וויעטנאַם, פּאַקיסטאַן, איראַן,
אַפגאַניסטאַן, פּאַלעסטינע, אַרגענטינע,
ירושלים, מצרים,
שטיקעלעך ערד צעשניטענע, צעטיילטע,
מיט ליבע, מיט ווייטיק, מיט האַס
אָנגעקליידטע.
מיין אָפּשטאַם, מיין אייגענער
יידישער נאָמען,
צווישן אייך געשיכטלעך —
פּאַרזייטער.

זאַל איך זינגען

פֿאָרנדיק אין אויטאָבוסן
היינט און נעכטן,
זע איך אַלטע יידן אין גרויע בערד,
אין זייערע אויגן טרערן זיצן
און מיט ציטערדיקע הענט טרייבן
דעם טויט פֿון זיך אַוועק.
אָ, טייערע זיידעס, האַרציקע טאַטעס,
אונדזער לעבן וויל מער מיט אונדז קיין
ליבעס ניט שפּילן,
און אונדזערע חלומות ליגן ווי אַן
אויסגעבלאָזן איי.
זאָל איך זינגען פֿון ניסים,
וואָס זיינען זיך אַמאָל פֿאַרלאָפֿן?
זאָל איך זוכן אין געשיכטע ביכער
וואָס מיט טויזנטער יאָרן צוריק
ס'האָט זיך געטראָפֿן!
זאָל איך זיך פֿרייען מיט משה רבנו,
מיט אסתּר המלכּה?
מיט די מכּביער, מיט די פּורים־שפּילן,
מיט חנוכּה דריידל?
מיט די לעגענדעס וואָס זיינען
שיין און איידל:
אַלע טאָג, אַלע היינטס, אַלע נעכטנס,
אַז איך פֿאָר אויף אויטאָבוסן און זע
אַלטע יידן אין גרויע בערד,
זייערע אויגן זיי עפֿענען, און פֿאַרמאַכן,
בעט איך זיי טיף אין מיין האַרצן:
זוכט ניט דעם אַוועקגעגאַנגענעם
נעכטן.

טעג און טאָגן

.1

ס'שטייט אַ יונגער טאָג
און קוקט זיך אויס די אויגן,
וואַרט אויף מיר, אַלט דערפאַרענער מענטש,
איך זאָל קומען און אים זאָגן
וואָס ס'מיינט אַזוי פיל לעבעדיקע יאָרן
אויף זיך אַרומטראָגן און ניט פאַרלירן
דאָס אייגנס — וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט.

.2

יעדער טאָג שטעלט אַוועק פאַר מיר
אַ נייעם מאָרגן און עפנט אויף
לעבנס ברייטע טיר.
דאַרף איך, מענטש, פאַרזיכטיק
זיך באַקלערן,
וואָס איז טייער פאַר דער וועלט,
און וואָס איז גוט פאַר מיר!

.3

היינטיקער טאָג,
ווי אַ וואָגשאָל וועגט אָפּ
פרייד און טרויער,
גלייכט אויס דעם גלייכגעוויכט
פון גליק און פון באַדויער.
היינטיקער טאָג,
מיין געמיט באַטראַכט,
און מיין אויג נעמט אָן —
אַ וואונדערלעכן פאַנטאָן
פון בליענדיקע טרוימען.

.4

דער דרויסן טראָגט אויף זיך
אַ ליכטיקן פרימאָרגן,
און דער הימל, אַ גליקלעכער,
אַ פולער אין נחת, קוקט זיך צו.
אָ, טייער לעבן מיינס,
ביסט דאָך שוין מיט מיר אַרומגעגאַן
אַ זיבן צענדליק יאָרן,
קיין כמאַרעס, זאַוועריכעס, שטורעם —
שטורעם דו האָסט מיר ניט געשפּאָרט.
און היינט בין איך מיט ליכטיקן טאָג
ווידער אויפגעגאַנגען און צו נייע פּרוּוון
שטעל זיך איין אין קאָן.

.5

אַזוינע טעג גייען נאָך אַ מענטשן —
טעג ווי געטרייע הינט,
צוגעוואוינטע און פאַרגלייבטע.
און אַז אַ מענטש ווערט אַלט,
און שטאַרבט,
בלייבן אַזוינע טעג ווי גוטע הינט
טרויעריקע, דערשטוינטע.

* * *

טאָג און טאָגן
אויף מענטש קלעפּן זיך אָן
צאַרטע גליקן,
וויקלען זיך אָן אויף אים
ווי די וואונדערלעכע בלעטער
אויף אַ הייפּטל קרויט.
נאָר אַז די צייט וויל עס אים

ניט פאַרגינען,
עסט זיין לעבן זיי אויף
ווי אַ פּראָסט און פשוט —
רעפטל ברויט.
אַ, נאַרישע מענטש —
דו ייִנגל, מאַני־לייבס ייִנגל
צינגל־כוואַט, קאָנסטו ניט זען
אַז די וועלט און צייט, זיינען הונגעריק
און קיין מאָל ניט ווערן זאַט!

טעג און טאָגן
אַ מענטש טראָגט אויף זיך
אַ גרויסן וואונדער.
הענט און פיס, קאָפּ און אויגן,
טיילן זיך ניט אָפּ און גייען
ניט אַרום פאַר זיך אַליין
באַזונדער.
נאָר אַז לעבן פאַרגינט עס
אים ניט!
גנבעט ביי אים אַ דינעם
פאָדעם צו
און הייבט אָן איינצירעווען
אַ פּולסירנדיקן אָדער,
אַ, נאַרישער מענטש,
זיי ניט זיכער ווי דער דיכטער
„זישאַ לאַנדוי" — וואָס האָט
זיך געקוויקט זיצנדיק אויף
זיין איינזאַמער ווערענדע!
די וועלט, און צייט, איז אַ
הינטישע הונגעריקע
באַנדע.

טאָג און טעגן,
ווי שווערע האַמערס קלאַפּן
און שלאָגן, שלאָגן אויס דעם אינהאַלט
פון אונדזער לעבנס גאַנג.
און מיר מיט אונדזער פרייד
און טרויער!
זיינען מיר דען וויכטיקער
פון ברויט־טראָגנדיקן זאַנג?
טעג און טאָגן שטעלן איין
אונדזער לעבן אין טיף שלאָפנדיקע
נעכט,
און פון אונדזערע בליענדיקע
חלומות בערג מיט אַש ווערט.
טאָג און טעגן ציען אונדז
ווי אַ פאָדעם דורך אַ נאָדל
צו פאַרנייען, צו פאַרלאַטנען
לעכער און ריסן
אין אונדזער האַרץ, און אין
אונדזער געוויסן.

נאָך אַ טאָג אַזוינער
פון מיינע זיבן צענדליק יאָר
איז היינט אַוועקגעגאַנגען.
און זון־אויפגאַנג, און זון־פאַרגאַנג
איז אייביק וואונדערלעך שיין.

אָ, טייערער מאָרגן,
אַזוי ווי דו ווערסט נאָר אויפשטיין —
זוך מיך אָפּ,
ווייל איך וויל מיט דיר אין איינעם
אויף דער וועלט אַרומגיין.

איך וויל מיט דיר אַרומגיין
און קלייבן די ציכטיקע פּערל־ווערטער
וואָס גוטהאַרציקע מענטשן
האָבן פאַרשריבן — מתנות
דער וועלט געגעבן.
און דער הימל אין ליכט, און אין שאָטן
ווי אַ פּראַכטפול בילד —
פון אַ מייסטער־קינסטלער פאַר
מיינע פענצטער אויסגעמאָלן.
אָ, מאַרגן, טייערער מאָרגן,
אַזוי ווי דו וועסט נאָר
צו דער וועלט אַרויסגיין —
זוך מיך אָפּ,
ווייל איך וויל מיט דיר אין איינעם
צווישן לעבן זיין.

לידער פון טאָג אין טאָגן

פרימאָרגן העגנט
אויף די שפּיצן פוןביימער,
און מילדע זון־שטראַלן
אויף פריש אויסגעוואַשענע בלעטער
שפּילן זיך אַרום,
אַ, הימל ליכטיקער, שיינער,
מיין האַרץ גלוסט און וויל אַז
מיט ליבע און גוטפריינדשאַפט
און היינטיקן טאָג איך זאָל
אַרומגיין.

צווישן ביימער און גראָזן
איך זע דעם אָנקום פון נייעם טאָג,
איך זע אים אין גאָלדענע שאָטנס,
איך הער אים אין האַרצן ביי מיר.
אָ, ליכטיקער הימל, קלאָרער און זילבער ריין,
גוט איז מענטשנס לעבן
מיט אָפענע אויגן אויף דער ערד שטיין.

איך האָב היינט די ביימער געבעטן,
אַז גרין זיי זאָלן זיין
אַזוי לאַנג — ווי מיינע אויגן
וועלן קאָנען זיי זען.
איך האָב די גראָזן
מיין ליבע אָפּגעגעבן
און געטוליעט מיינע וואַרעמסטע געפילן
צו יעדן איינציקן
פון זיי.

איך האָב היינט אָנגענומען
די ערלעכע אמתע גרוסן
פֿון פֿייגל און פֿליגן,
וואָס פֿליִען דאָ אַרום.

זון־פֿאַרגיין האָט מיך היינט
פֿון אַלע טעגלעכע געוועבן
אַרויסגעריסן
און אויף אַ גאָלד געשניצטן לייטער
אין הימל אַרויפֿגעפֿירט.
האָב איך ווי אַ טראַכטנדיקער
פֿאַרשער גענומען זוכן
דעם טויער פֿון די אַלע מערקווירדיקע
גליקן, און די מעגלעכקייט אַז מיינע
אייגענע אויגן זאָלן עס זען.
אָ, טאָג אַוועקגעגאַנגענער, איך וועל
דיך ניט פֿאַרגעסן אַזוי לאַנג
ווי איך וועל לעבן.

דער הימל בייגט זיך צו
און גיט אַפּ שלום דער ערד,
זיין שכן,
צי האָב איך עס טאַקע אין
דער אמתן געזען?
צי ס'איז נאָר אַ חלום געווען
אין זיסן שלאָף;
סיי־ווי־סיי, איז עס זייער שיין געווען
און וואָלט דאָס די וועלט מיט מענטשן
געזען — וואָלט איך ניט געדאַרפֿט איצט
מיט בעטנדיקע רייד
זיך בעטן, שטעלט ניט איין

דעם מאָרגנדיקן טאָג אין געפּאַר —
באַרוטן...
גלייכט ניט צו אַטאָם־פּלאַם
צו דאַ ווינטשיס מאַדאָנע —
אין ליכט און אין שאָטן.
טראַכט ניט, אַז איך בין איך,
און בין פאַר זיך; און וועל
זיך ניט אויסמישן אין אַ
געדיכטער קאָכנדיקער קאַשע!

לירישע מאַטיוון

אַ מענטשנס לעבן איז ניט
קיין פאַדעם און ניט קיין נאָדל
וואָס איר קאָנט מיט זיי
פאַרנייען און פאַרלאַטען אַ קלייד,
אַ העמד, אַ שוך, און אַ שליאַפע —
אַ מענטשנס לעבן שטעלט מען איין
אין קאָן, ווען מען וויל מיט
די פאַדעם־נאָדל־קענטעניש
עפּעס טאָן און זיכער זיין
אַז קיין שאָדן וועט זיך ניט
טרעפן

.2

היינטיקער טאָג
ווי אַ וואַגשאָל
וועגט אָפּ מיין פרייד
און מיין טרויער,
גלייכט אויס דעם גלייכגעוויכט
פון מיין גליקלעך זיין
און פון מיין באַדויער,
היינטיקן טאָג מיין געמיט
באַטראַכט, און מיין אויג
נעמט אָן אַ וואונדערלעכן
פאַנטאַן פון בליענדיקע
טרוימען.

.3

די נעכטנס אין מיין לעבן,
אין מיין האַרץ כ׳האָב זיי
פאַרשריבן,

און ווי אַ מגילה זענען זיי
פֿאַר מיר ביז היינט פֿאַרבליבן.
און קיינעם בין איך גאָרניט
שולדיק
פֿאַרוואָס איך האָב זיי
מיט צאַרטקייט אָנגעקליבן.
וועל איך איצטער זיך ניט
אונטערגעבן.
און ווי לאַנג איך וועל לעבן
וועל איך כּבֿוד און ליבע
מיינע נעכטנס
אָפּגעבן.

4.

איך האָב ליב די גוטע שעהען,
איך האָב ליב צו טראַכטן
פֿון די שיינע ליבעס וואָס
אין זיי איך פֿלעג שפּילן.
איך ווייס ניט צי ס'איז פֿאַראַנען
שענערס
אין אַ מענשטנס לעבן ווי
צו האַלטן אַ פֿאָדעם פֿון די
חלומות וואָס האָבן זיך איינגעוועבט
אין די יוגנט־יאָרן.
איך זע ניט ווי ס'קאָן אַ מענטש אַליין
זיך אַרומפֿירן אין ווידערקלאַנגען
און זיין איך ניט שפּירן,
אַז לעבן איז פֿאַר אים
אַן אָפֿענע טיר.

5.

גוטע טעג —
זיינען איבער ערד געגאַנגען

און אויך צו מיר זיינען זיי
דערגאַנגען,
האָב איך זיי מיט פריינדשאַפט
און פרייד אָנגענומען,
און מיר האָבן אין איינעם ליבהאַרציקע
לידער צום לעבן געזונגען.
אַט די יענע טעג וויל איך איצט
אין מיין עלטער ניט פאַרגעסן,
און ווי פריש יונגע אָנגעקליבענע
בלומען, צווישן מיין האַרץ
און מיינע יאָרן זיי
איינפּרעסן.

6.

אַט אין יענעם טאָג,
אין יענער שעה,
ווען דו און איך אין ניו־יאָרקער
סענטראַל־פּאַרק
זיינען אויף אַ באַנק געזעסן,
גערעדט האָבן מיר פון אַלדאָס גוטס,
פון וואונדערלעכע און זייער
שיינע זאַכן —
איז פון אונדז אַליין אַ לעבעדיקער טאָג
אַנטלאָפן.

7.

אַ טאָג גייט אַרום
און בלאַנדזשעט, אַ דערשראָקענער
פאַר זיינע אייגענע טריט,
מענטשן גוטע, וואו זענט איר
אַנטלאָפן און געלאָזט אַ טאָג
אַראָפּגיין פון גלייכן וועג.
אַלע שיינע וואונדער

זיינען זיך אין טעג פֿאַרלאָפֿן,
אַלע גרויסע געשעענישן האָבן
זיך אין טעג געטראָפֿן.
און דער טאָג איז אומגעגאַנגען
אומגעשטערט.
איצט איז אויף אים אַזאַ
קראַנקשאַפֿט אָנגעלאָפֿן
אַז די ערד טרייסלט זיך
אונטער זיינע פֿיס.

.8

דער טאָג האָט איבערגעלאָזט
דעם זומער
און די ווייכע גראָזן,
פֿאַרלאָזט די ביימער מיט די
בלעטער גאָלד גרינע
און זיך פֿאַרקליבן אין פֿאַרקילטן הימל.
איז שווערער געוואָרן
דער גאַסנדיקער רוישנדיקער טומל,
און אַ היימלאָזער, בעטלאָזער,
קאָן שוין אין פֿאַרק אויף אַ באַנק
ניט כאַפּן קיין דרימל,
אָ, מענטשן לעבעדיקע וואונדער!
וואו האָט איר די גוטסקייט
פֿאַרלאָרן?
וואו האָט איר פֿריינדשאַפֿט
פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן?
וואו זענט איר פֿון מיטלייד
אַנטלאָפֿן?

.9

ס'איז מיין לעבן
אומגעגאַן מיט מיר

באַרג־אַראָפּ און באַרג־ארויף
און אומגעטראָגן מיט זיך
פּעק מיט געראָטענע און
ניט־געראָטענע יאָרן.
איצט בין איך געבליבן זיצן
אָט דאָ און שטילערהייט
צו זיך אַליין דעם אמת
איך וועל זאָגן.
נאַריש בין איך קיין מאָל ניט
געווען.
און אין פֿאַנטאַזיע דעם עץ־הדעת
מיט מיינע אייגענע אויגן האָב
איך ניט געזען,
נאָר מיט אַלע גוטסקייטן וואָס
מענטש קאָן זיך קוויקן —
גאַנצע סטירטעס האָב איך
אָנגעשניטן.

.10

דער סוף פֿון מיינע יאָרן
האָט נאָך דעם טאָג, די שעה
ניט אויסגעקליבן,
נאָר איך אַליין הייב אָן פֿילן
אַז מיינע טריט הייבן אָן זיך אָפּקילן.
און דער וועג צום סוף איז אין
שפּיגל.
אָ, די טעג, די שיינע טעג,
די ליבע צאַרטע גליקן,
מיינע הונגעריקע אויגן בענקענדיקע
גרוסן איצט צו אייך שיקן.
דער סוף פֿון מיינע יאָרן,
ס'דאַרף שוין קיינער מיר ניט זאָגן,

אַז ס'איז ניט שיין, אַז ס'איז ניט
לייטיש אין עלטער זיך אָנהייבן באַקלאָגן,
ווייל וויפל דאַרף אַ מענטש
דען האָבן אין אַ לעבן לאַנג
מיט אים אַרומטראָגן
דעם סוף פון זיינע יאָרן.

11.

אַ טאָג איז קיינעמס ניט,
און אַוודאי אויך ניט מיינער.
די ערד איז אַלעמענס און געוויס
איז אַ חלק פון איר אויך מיינער.
גיי איך אום אויף דער ערד,
און מיין האַרץ איז פול מיט
געזאָנגען.
ביימער כאַפּן אויף מיין ליד,
און בלעטער אַקאָמפּאַנירן צו
מיט לירישע קלאַנגען.
אַ טאָג איז קיינעמס ניט
און בלייבט אייביק ניט פּאַר
די אויגן הענגען,
די ערד איז אַלעמענס,
און מענטש קען זיין גאַנץ לעבן
אין איר גלייבן.
גיי איך אום איבער ערד
און האַלט אָפן מיינע אויגן.
גרינע גראָזן, פרילינג־צוויטן,
אַלטע דעמבעס, שוין הונדערטער יאָרן,
יונגע סאָסנעס ערשטיאָריקע געבוירן.
קאָרן זאַנגען, וויינטרויבן אויף שטאַנגען
אַלע, אַלע וואַקסן און לעבן
מיט מיר אויף דער ערד.

וואָס ווער עס זעט

(פאַר חיים סלאַוועסן)

צוויי יידן, צוויי פּאָר אויגן,
איינער איז געפאָרן, און איינער איז געפלויגן,
איינער פירט דאָס רעדל ביי זיין טיש,
איז אַ גרויסער מבין אויף וויינען, ליקערן,
און אַלערליי דעליקאַט־געגרייטע פיש.

איינער האָט אַריינגעקוקט, אַרויסגעקוקט,
אַלץ געזען דורך קאַלירנדיקע שויבן,
אָנגעקליבן אַ זעקעלע מיט גאָלדענע רייד,
צו ווייזן, אַז אַלץ איז גליק און פרייד,
זאָלן נאָר אָנפליען די שלום־טויבן.

צוויי יידן, צוויי פּאָר אויגן,
ווער האָט זיי אויסגעקליבן,
מיט וואָס האָבן זיי זיך צוגעגרייט,
אַז איך זאָל אין זיי גלויבן?
איינער האָט (זאָגט ער) אויף אַן אָטאָמאַטיש
אַפּאַראַטל אויפגענומען און פאַרשריבן,
אַז מען זאָל, חלילה, אים ניט באַשולדיקן
אין אַ ליגן.
יינגלעך, דערוואַקסענע, מיט פּנימער
פון יידן
אין סינאַגאָגעס, אין אוניווערסיטעטן,
האָט ער אָפּגעשטעלט זיי צו פרעגן,
ווי לעבט זיך זיי דאָרט אינעם שיינעם
לאַנד פון פרידן.

אַך, ווי ביטער ס׳איז מיין מזל
נאָך טויזנטער יאָרן אַרומוואַנדערן
איבער געשיכטע־אַנאַלן, —
אין יאָרן פון גרויס־וואונדערלעכע וואונדער,
איז אַ ייד געפלויגן אין כישוף־לאַנד
מיט אַן אָטאָמאַטיש אַפּאַראַטל אין זיין האַנט,
פינקטלעך צו פאַרשרייבן, ווי ס׳לעבן יידן
ברידער פון זיין שטאַם.

אַך, ווי איידל ס׳איז דער אידעאַל,
ביי דעם, וואָס האָט דערגרונטעוועט זיך
צום קוואַל,
ער ווייסט שוין מיט זיין געוויסן
און מיט זיינע אויגן,
אַז זיין טאַטע־מאַמעס און אפשר
אויך זיין זיידעס יידיש וואָרט
וועט שוין אויף קיין מאָל מער
ניט טויגן.

צוויי יידן, צוויי פּאָר אויגן,
איינער איז געפאָרן און איינער איז געפלויגן.
איינער איז אַ ווערטן־קלייבער,
אַ היטער פון ערך־וואָרט־שרייבער,
זיין טיש ווי די וועלט איז גרויס,
געליטענער — זיין אייגן בלוט און פלייש.

איינער איז אַריינגעגאַנגען און פאַרקנאָטן זיך
מיטן צער אין טיף־הארץ־ליגנדיקן טרויער,
מיט קלוגן קאָפּ און מאָראַלן כוח
צעשפּאַרט, צעעפנט אַ פאַרקאָוועטן טויער.

איינער האָט געפירט מיט זיך
דעם קערן און דעם גלויבן,
אַז אויף ביימער וואו ס׳זיצן קראָען,
זיצן אויך די שלום־טויבן.

און איך, דער מענטש,
דער יורש פון טויזנטער יאָרן,
דער שורש פון ששת ימי בראשית,
דער נעמער און דער געבער,
אַ וועלט מיט געזונגענע לידער
האָב דערהערט, לעבעדיקע מיט רויט בלוט
אָנגעגאָסענע רייד,
פון מיין ברודער —
מאַנען און דערמאַנען,
אַז פרייד און גליק
איז אים, ווי אַ יידן,
זייער נאָענט, טייער.